# קרית ברסלב בלעטל

שנה ה' נומער 248 פרשת מקץ - חנוכה · תשפ"ה



# נר איש וביתו

יום טוב חנוכה

**קוק אהער:** דער ברסלב'ע כהן

**געדאנקען:** וואס וועט זאגן דעררררווילעם?!

**אלץ און אלעמען:** טרערן פון צוויבל

א הארציגע בריוועלע צו די שלושים פון **הרב שמעון שפירא זי"ע**

# קרית ברסלב בלעטל

פרשת וישב תשפ"ה • 247

**רעדאקטאר**
אברהם הערש וועבערמאן
**רעדאקציע**
משה ארי' שניטצלער
גרשון קרעמער
אהרן קליטניק
ישראל דוד העסקעל
שמעון עוזר פערל
יואל שניצלער
ש. ל. פליישמאן
ל. וועבערמאן
מ. פאפנהיים
ח. פ. וועבערמאן
ח. ה. מינצבערג
ל. סאקס
**מגיה**
אברהם יצחק אייזנער
**ניקוד**
יודא לייב ווייס
**גראפיקס**
ישראל העסקעל
דאמינאו גרופ
**קינדער אפטיילונג**
שמואל בער שניטצלער
**מעלערס**
יחיאל בלאיש
ר. קרול



צו אדווערטייזן אדער אריינשיקן בריוו, קאמענטארן און ענטפערס:
845-379-1161
136-Huschke Rd Hurleyville NY 12747
breslevofficeliberty@gmail.com

דעדליין אריינצושיקן עדס איז זונטאג 1:00


ריין פארן אייבערשטן 6




דער רייכסטער מענטש! 12




יום טוב חנוכה! 11




4 צום פינטל
8 שטעטל נייעס
29 די ברסלב'ע שטוב
45 קינדער בלעטל



צו באקומען די קרית ברסלב בלעטל:
אויף פאסט:
718.387.2691
Subscribe@kerenhadfusa.org
אויף אימעיל:
Chizikyomi@rabbiroth.org
Breslevcenter.com
Gilyoines.com
ארץ ישראל:
053.315.6938

קול ברסלב:
212.444.9191
א"י: 0797040066

אידישע שטוב:
212.444.9169
א"י: 0797040069


## זמנים
מקץ כ"ז כסליו

הדלקת הנרות .. 04:17
מוצאי שבת ...... 05:48

**מנחה מעריב**
פרשת ויגש
05:30








### בית המדרש היכל הקודש קרית ברסלב ליבערטי

בנשיאות הראש ישיבה שליט"א

**אייער היים וואו איר וואוינט יעדן טאג**

**קומענדיגן מוצאי שבת חנוכה**
**וועט אם ירצה השם פארקומען**
**אין שטעטל די**

# יערליכער מלוה מלכה

**פאר אנשים נשים וטף, צו**
**מחזק זיין די בתי מדרשים ביי**
**אונז אין שטאט.**

מיט אייער $50 א חודש - $600 א יאר קענען
די בתי מדרשים וואס געפונט זיך אין
שטעטל פונקציאנירן א גאנץ יאר.

**עס וועט אי"ה זיין אנגעגרייט א הערליכע**
**מתנה פאר אלע וואס געבן $600 א יאר**

**צוצוענדיגן דעם גאנצן סכום פאר די יאר, רופט**
**דעם גבאי מו"ה אברהם יושע וועבערמאן הי"ו**
**347-932-4432**

**הנהלת בית המדרש**

# צום פינטל



## טָאלס פארן בארג? טאלס פארן טָאל!

העי ווי אזוי ביסטו מיר דארט אנגעקומען אויבן? סזעט אויס גאנץ ווייט... הויך... נישט שיין, נישט שיין, פארוואס האסטו מיר נישט געזאגט אז דו גייסט קריכן, איך וואלט מיט געגאנגען, נו אז ס'באדערט איז דא אסאך וואס זאל באדערן, איך שטיי דא אונטן ווי א ליימענער, אבער... צרת רבים כאטשע, איך בין נישט דער איינציגער דא, איך זע אז רוב עולם איז געבליבן מען יאגט זיך נישט, מען איז פארבליבן אונטן.

וואסי די מעשה דא, פארוואס קריכט ער, ער אנגעקומען ביים שפיץ, און קיינער וויל נישט נעמען קיין טשענס, ניטאמאל פרובירן וויל מען, ס'זעט אויס זייער סימפל מען קלעטערט אביסל, און דערנאך קען מען לייגן מיט שטאלץ די באמפער סטיקער: "איך בין געקראכן און דערגרייכט די שפיץ פון בארג..." (אגב! דעם טראמפ סטיקער קענסטו שוין אראפ נעמען)

איך מאך א שטיקל התעוררות צווישן עולם... פארוואס בלייבן דא, לאמיר כאפן דאס גוטע יאר, און אנהויבן, יא ניין ניין יא, נו... חברה מ'גיימיר ארויף, די גאנצע חברה קליימער'ס זענען אין... מען הולכ'ט, נישט געזארגט מיר זענען אנגעגרייט, אנגעפאנצערט, אויסגערישטעט ביז די ציין, עס גייט געשמירט... געקראכן א שיינע פאר שעה, אהה ממש א געשמאק, מען פילט די קאלאריע'ס ווערן פארשווינדן, עס פאלט שטיקער, פונטן, יא... מיר האבן עס, מיר זענען ביים שפיץ, אההה..... אכן נודע הדבר, יא, איך הייב אן פארשטיין, עס איז טאקע נישט אזוי פשוט ווי סזעט אויס, זעלטן אז איינער זאל זיך דעקלעטערן ביזן שפיץ.

פון אונטן קוקט די בארג אויס ווי איין גאנצע לאנגע געשמאקע בארג ארויף, אבער יעצט ווי מיר האלטן דא, זע איך אז מיר האלטן טאקע ביי א שפיץ, אבער נישט ביי 'דעם שפיץ', עס קומט דא אינדערמיט א טיפער טאל, אזא בארג אראפ, אבער אז ס'איז חנוכה, מנורה וועלן מיר צינדן דארט אונטן ווי עס איז נישט אזוי שטארק די שניי, די ווינטן, דאס איז אונזער קומענדיגע סטאנציע, מיט שליטענעס גליטשן מיר זיך אראפ, א מנין מנחה, א מנין מעריב, (קענסט נישט אונזער קראא, מנין? הע יא... אונטערוועגנס נעמען מיר אלעמאל א מנין...).

און דא אין די וויסטעניש, אה א לעכטל, ס'ערשטער לעכטל (די פיפטע איז שוין געווען ביי די אומאן ערב שבת חנוכה... אדער איז עס פשוט געווען א צווייטע יאר... אדער א צווייטע שרייבער) מיט א געשמאק, עפעס א קלייניקיט, חנוכה דא אין די וויסטעניש, די גיטאַראַס, נו ווי זענען די פֵּייפער'ס... אלע שפילן אזוי שיין צו צום מעוז צור, צום הנרות הללו...

דאס איז די ערשטע ליכטל דא אינמיטן וועג, אבער נישט געזארגט איז קענט זיכער זיין אז דאס צווייטער לעכטאל וועט שוין זיין אויפן סאמען שפיץ, מען זעט עס פון דא, עס איז אזוי נאנט, איר מוזט עפעס פארשטיין... איר האט שוין געהערט פון קעמפינג, אָהָ איר ברויכט דאס אמאל פראבירן, א געצעלט ממש ווי אברהם, ווייסט... די ארגינעלע מענטשן וואס לעבן מיט נעיטשע"ר... אזוי ווי אמאל פאר די אלע וואקסינען, מיט די פאלושן, פאר געז פאר לעקטער'ס, די אלע צייטן ווען מ'איז געשטארבן יונג און רוהיג, אן קיין שאוער'ס קיין וואש מאשינען, מיט די נאטור די בריאה, וואס קען זיין עפעס מער נאטורליך פון לייז קריכן אויף דיין קערפער, ביסטאך די נאָנסטע צו די אריגינאלע בריאה, צו די עכטע מענטשן. עכטע טשיקנ'ס, עכטע אייער, עכטע טאמעטא'ס, עכטע בית כיסאות און אוודאי אהא... עע'כטע ברסלבע'ר.

איך ווייס נישט ווי איך בין פארפארן, דא אין טאל נעבן די צאנקעדיגע חנוכה לעכטליך, דער עולם כראפעצט דארט אין זייערע געצעלטן, אבער איין זאך איז דא קלאר יעצט, אז די פלאן אויפן קומענדיגן טאג איז צוריק - מיר גייען נישט ווייטער...

עס איז א סקעם, די גאנצע בארג געקריכערריי, איז א קאנספעראציע טעאריע, איך ווער מיר געוואויר אז עס קומט עודך ווייטער די זעלביגער שפיל, ארויף, און טיף אראפ... אזוי קענען מיר קלעטערן און מיר האבן די טָאל'ס פאר די בערג, אבער נישטא קיין טָאל'ס פאר די טָאל. ווארט נאר דער עולם זאל אויפשטיין, איך שריי... צוריק! צוריק! פאלY נישט פאר די סקעם... צוריק און פארטיג, פראסטרירט, מיר זענען אנטשלאסן, געענדיגט די נאסטאלגיע פון געצעלטן נעטשער, בארג קריכעראציע, עס איז ליגענט ווי אלע ליגענטס...

איך קוק אויפן בארג איך קוק אויף די אויסגעלאשענע ליכטל, די רויך טראגט מיינע אויגן ארויף ארויף, איך פאר מיט מיטן רויך, אהההה, איך כאפ מיך א מינוט א מינוט, ביסטאך גערעכט, די לעכט האט זיך אויסגעלאשן, ס'פינסטער, ס'טונקל, ס'שטיל, יעצט האב איך עס געכאפט, דאס איז עס, האסט געזען? עס ווערט פינסטער אין לעבן, איז פארוואס פרובירן, עס וועט זיך סיי ווי פארלעשן, פארוואס פראבירן פארוואס קלעטערן, פארוואס זיך דערשלעפן צו א שפיץ וואס איז א סקעם מען קומט נישט אָן... אדרבה, אז מען הייבט אָן גיין, קומט אזא טיפער בארג אראפ, אראפ אראפ, און ווי ווייטער אלס טיפער.

יא... אזוי ארבעט עס, ארויף א בארג איז א געשמאק, יעצט קומט א טראסק... אז דו ווילסט נישט גיין ווייטער וועסטו נישט אנקומען צום העכערן בארג, קענסט בלייבן דא, קענסט צוריקגיין, אבער כדי צו גרייכן 'דעם שפיץ' דארפסטו טראסקענען, אבער די קומענדיגע טריט ארויף זענען שוין גאר אנדערש, עס איז שוין א העכערע בארג, אמת דאס וועט טאקע פירן צו א טיפערע טאל, אבער עס פירט צו א העכערע בארג וואס פירט צו נאך א טָאל.

און די חנוכה לעכט אויסגעלאשן, יא יא... עס איז פינסטער געווארן, האסט א ברירה קענסט זאגן: 'וואס איז די זאך פון צינדן נאך א נאכט?', עס לעשט זיך אויס יום א', און עס לעשט זיך אויס יום ב' און אזוי ווייטער, סאו מיר זענען דא אויף צו צינדן כדי ס'זאל זיך לעשן, קענסט אויפגעבן און סטַאפן נאך ס'ערשטן, אדער ביים פיפטן, אבער אויב דו ביסט נישט נאריש וועסטו צינדן, און אז עס לעשט זיך אויס, קומט נאך א לעכט, און אז עס לעשט זיך אויס נאך א שטארקערע לעכט, גייסטו ווייטער צינדן נאך א ליכט.

אזוי איז עס יעדעס מאל עס לעשט זיך אויס איז עס שוין א הכנה צו א שטערקערע ליכטיגקייט, עס איז שוין נישטו איינס עס איז שוין צוויי, עס איז שוין נישט פינף עס איז שוין זעקס, און טראט פון די ניגונים, אויב האסטו באמערקט די ניגונים איז אויך אזוי, דער שפילער מוז אראפ נידערן גאר טיף כדי צו גרייכן העכער, אז נישט איז עס גאר קיין ניגון ניט, און פון ווי א טיפערע טאן ער קומט, אלס שענער הערט זיך דער קאפ שטימע ארויף.

און איך האב פאר דיר נייעס, דאס איז די גאנצע לעבן פון א מענטש, איך הייב אן שטארק, געשמאק, איך בין שוין זיכער איך האב עס, עס שיינט, עס לייכט, עס קנאקט!

אוי פלוצלונג, עס פאלט א נעפל, א פינסטערניש, א טראסק אראפ, אבער אזוי גוט טיף, איי ס'טוט וויי, אבער מיט פרישע כוחות איך הייב מיך אויף, מען גייט זיך נישט לאזן מען גייט ווייטער קנאקן, מען גייט ווייטער שיינען.

און פלוצלונג... א מינוט... לאז מיך שוין ארויפקריכן צום שפיץ, געוואלד א טראסק אראפ נאך טיפער, יעצט דא אין טאל לאמיר זען צו דו האסט די טאל, ווייל... ווייל די קומענדיגע בארג ארויף איז שוין א אנדערע בארג, עס איז מער נישט קיין: "אראפ ארויף אראפ ארויף די זעלבע בארג" דו קומענדיגע קריכן איז שוין אויף די קומענדיגע בארג וואס איז פיל העכער. די פינסטערניש וואס מען קען טאפן מיט די הענט נאך ס'ערשטע לעכטל זיך אויסלעשן, יא אבער די קומענדיגע ליכטיגקייט איז שוין א אנדערע לעכט, עס איז שוין צוויי, און צוויי גייט זיך אויך אויסלעשן א גאנץ לעבן וועסטו נאך די פינסטערניש נאך די טראסקע זיך צוריק אנצינדן, אבער עס וועט שוין זיין א גרויסע טריט פאראויס, עס איז פיל א העכערע בארג, עס איז שוין א פיל שטערקערע לעכטיגקייט.

הערסט א מעשה? ער וויל נאך איר זאלט ווייטער קריכן... און פאלן און קריכן און פאלן? ביז?

**נו אודאי! ווי א שיינע מעשה? ניין ווי א הערליכע ניגון!**

## פארוואס פראבירן,

## פארוואס קלעטערן,

## פארוואס זיך

## דערשלעפן צו א

## שפיץ וואס איז א

## סקעם, מען קומט

## נישט אָן... אדרבה,

## אז מען הייבט אָן גיין,

## קומט אזא טיפער

## בארג אראפ..

# פנימ

# איך וויל זיין טהור להשם!

עס זענען דא מענטשן מיט א הויכע שטערן, און עס זענען דא מענטשן מיט א קליינע שטערן, עס זענען דא מענטשן מיט גרויסע אויערן און עס זענען דא מענטשן מיט מיטלגארטיגע אויערן, און מיט קליינע אויערן, און אזוי אלע איברים אויף דעם מענטשנ'ס קאפ. ווי אויך זענען דא מענטשן וואס האבן דיקע לאנגע אויגן ברעמען, ווידעראום זענען דא מענטשן מיט דינע אויגנברעמען, און אזוי אויך די האר פון די קאפ, די שנויצן און די בארד. אזוי אויך זענען דא מענטשן וואס האבן מער א בלייכע ווייכע קאליר אויפן פנים, און עס זענען דא מענטשן וואס האבן מער א טונקעלערע און פייערדיגע קאליר, און אזוי ווייטער.

דער זוהר הקדוש און פרשת יתרו און אין תיקוני זוהר, תיקון ע', אזוי אויך אין נאך פלעצער אנטפלעקט אונז די סודות וואס ליגט אונטער די אלע סימנים, אין די הייליגע ספרים ווערט די חכמה אנגערופן 'חכמת הפרצוף', די חכמה פון אפטייטשן די פנים פונעם מענטש [מיר ווילן באמערקן אז מוהרא"ש און דער ראש ישיבה לערנען אונז נישט צו גיין צו מענטשן וואס שטעלן זיך פאר אז זיי קענען געבן הוראות און העלפן מענטשן לויט די חכמה, און אז מ'זאל זיך נישט ארײנלייגן אין דעם, נאר לעבן בתמימות ובפשיטות, גלייבן אינעם אייבערשטן מיט אמונה פשוטה, ואכמ"ל].

דעם פארלאפענעם שבת חול המועד סוכות בין איך ברוך ה' אנגעקומען גאנץ פרי צום גרויסן סוכה אויף האשקי, דער ראש ישיבה איז געזיצן דארט און געלערנט פאר זיך תיקוני זוהר, לערנענדיג דעם אויבנדערמאנטן שטיקל פון תיקון ע', אינמיטן האט זיך דער ישיבה אנגערופן: עס זענען דא געוויסע סימנים וואס טוען אנדייטן אז עס איז דא דינים אויף דעם מענטש, וואס איז פשט אז אויב דער מענטש האט א געוויסע אבר אויף א געוויסע וועג האט ער דינים אויף זיך, דער אייבערשטער האט דאך אים אזוי באשאפן, ער האט דאך גארנישט געטון צו האבן דינים אויף זיך...?

אזוי אויך טרעפט מען אין זוהר הקודש, אין פרשת אמור, דף צ, אז געוויסע פעלערן ווייזן אז די שכינה רוט נישט ביי דעם מענטש; וואס איז דער מענטש שולדיג אז ער איז אזוי באשאפן געווארן...?

האט דער ראש ישיבה אויסגעשמועסט זייער א שטארקע יסוד, אז דאס איז אלץ אינעם מח פונעם מענטש, אויב דער מענטש טראכט אויף זיך אז ער איז א בעל מום, ער קלאפט זיך אראפ, ברענגט דאס דינים, ווידעראום א מענטש וואס לעבט מיטן אייבערשטן, ער טראכט גוט אויף זיך, ער ווייסט אז אלעס האט דער אייבערשטער געמאכט און דער אייבערשטער טוט אלעס, אפילו ער זאל חס ושלום זיין א בעל מום, אפילו ער האט א פעלער - ווען טוט דאס נישט ברענגען דינים אויף זיך, ער וועט קענען אנגיין אין לעבן, און ארײנכאפן אסאך גוטס".

די זעלבע זאך לערנט אונז דער ראש ישיבה איז ווען אונזערע נשמה באקומט רחמנא לצלן א מום, מיר פאלן דורך אין עבירות רחמנא לצלן, זאלן מיר נישט פאלן פארן יצר הרע וואס וויל אונז ארײנוווארפן אין עצבות און מרה שחורה, אונז פארוואנדלען אין א בעל מום.

דער ראש ישיבה ברענגט כסדר אראפ אין די בריוון די ווערטער פון הייליגן רבי'ן אין ליקוטי מוהר"ן חלק ב, סימן ז): "כִּי מִי שֶׁיּוֹדֵעַ קְדֻשַּׁת יִשְׂרָאֵל מֵאַיִן הֵם לְקוּחִים וְיוֹדֵעַ רוּחָנִיּוּת וְדַקּוּת שֶׁל יִשְׂרָאֵל", ווייל ווער עס ווייסט וואס א איד איז, ווי גרויס א איד איז און פון וואו א איד קומט, "הוּא יוֹדֵעַ, שֶׁיִּשְׂרָאֵל הֵם רְחוֹקִים לְגַמְרֵי מֵעָוֹון", דער ווייסט אז אידן זענען זייער ווייט פון עבירות, "וְאֵין עָווֹן שַׁיָּךְ לָהֶם כְּלָל כְּלָל לֹא לְפִי גֹּדֶל קְדֻשָּׁתָם מִשָּׁרְשָׁם וְגֹדֶל דַּקּוּתָם וְרוּחָנִיּוּתָם", עס איז בכלל נישט שייך עבירות פאר אידישע קינדער.

אידישע קינדער זענען לויטער און הייליג, ציכטיג און ריין, נאר דער יצר הרע ווארפט אונז ארײן אין שלעכטע מעשים, און אזוי וויל ער אונז אוועק נעמען פונעם אייבערשטן, אזוי ווי מ'זעט אין די תפילות וואס דער ראש ישיבה שרייבט כסדר, ווי ער ווייזט אן מיר זאלן בעטן אז מיר ווילן זיין גוט, טון דעם אייבערשטנ'ס ווילן, נאר דער יצר הרע ווארפט אונז ארײן אין שלעכטס.

דער ראש ישיבה ברענגט אין א בריוו די מעשה פון רבינ'ס טאכטער אדל: איינמאל איז די צדיקת אדל - דעם רבינ'ס טאכטער געגאנגען נאך געלט מיט נאך אפאר פרויען, אינמיטן וועג האט זיך אראפגעלאזט א גאס רעגן, עס איז געווארן א גרויסע בלאטע און אלע פרויען זענען געווארן פארשמירט פון די בלאטע, נאר אדל איז געבליבן זויבער, אפילו איר שיך איז געבליבן ריין; די פרויען וואס זענען מיטגעגאנגען מיט איר האבן זיך זייער געוואונדערט ווי

# שיחות, זכרונות און אנעקדאטן

**יואל שניצלער**

אזוי קען זיין אז זי האט זוכה געווען צו אזא רואיגקייט אז זי זאל קענען גיין אין בלאטע און דאך בלייבן זויבער, האט אדל זיי געזאגט: "מיין גרויסע טאטע - דער הייליגער רבי - האט מיר אויסגעלערנט א וועג אז אפילו ווען מען גייט אין בלאטע זאל מען קענען בלייבן ריין און זויבער"; דאס הייסט, אפילו א מענטש פאלט נעבעך אראפ אין בלאטע, לערנט אונז דער רבי אז מיר זאלן זיך נישט פארשמירן מיט עצבות און מרה שחורה, נאר מיר זאלן בלייבן ריין, מיר זאלן ווייטער גלייבן אינעם אייבערשטן אז ער וועט אונז העלפן, ע"כ.

אזוי אויך הערן מיר פון צייט צו צייט פונעם ראש ישיבה דעם ניגון "דעם טאטענ'ס א קינד" מיטן פזמון:

"איך בין נישט דיינער, ניין ניין ניין
איך וויל אין דיינע דרכים אפילו נישט גיין
אפילו ווען איך פאל און אויך בשעת'ן זינד
בין איך אלעמאל אלעמאל אלעמאל מיין טאטענ'ס א קינד
איך בין זיינער
זיינער און נישט דיינער
איין באשעפער אין הימל איז דא
איך בין זיינער יא יא יא"

די הייליגע חכמים ברענגען אויף עטליכע פלעצער די גזירה וואס די יוונים האבן גוזר געווען אז די אידן זאלן שרייבן אויף די הערנער פון זייערע אקסן קעגן די אמונה רחמנא לצלן, עס ווערט געברענגט אסאך טעמים אויף די גזירה, דער הייליגער רוקח שרייבט אין זיין פירוש אויף על הניסים, אז די יוונים האבן געמאכט די גזירה כדי צו דערמאנען די חטא העגל, און זיי האבן געוואלט דערמיט מרמז זיין פאר די אידן אז זיי זענען חס ושלום דערווייטערט פונעם אייבערשטן צוליב זייערע עבירות. זיי האבן זיך נישט באגנוגנט אז די אידן זאלן דאס אויפשרייבן בלויז אויף די קרן השור, נאר ווי עס ווערט געברענגט אין מדרשים און אין פריערדיגע פיוטים לחנוכה, האבן זיי דאס געהייסן אויפשרייבן אויך אויף די שלעסער פון די הייזער (אמאליגע שלעסער ביי די טירן פון די הייזער זענען געווען גרויסע ברעטער וואס מ'האט אריינגעשלאסן אין ספעציעלע אייזענעס), האבן דאן די אידישע קינדער אראפגענומען די שלעסער פון די הייזער. אזוי אויך ווערט געברענגט אין אגרת תימן אז די יוונים האבן דאס געהייסן אויפשרייבן אויף



די קליידער; אלץ אריינצוברענגען אין אידישע קינדער אז זיי זענען חס ושלום דערווייטערט פונעם אייבערשטן און פעלערדיג - צוליב זייערע זינד.

דאס לערנען מיר זיך פון די מפלה פון די יוונים און פון די נס חנוכה, אז אפילו אלעס איז צעבראכן, אלעס איז טמא, עס איז נישטא קיין מנורה, עס איז נישטא קיין עבודה אין בית המקדש, מיר זענען פול מיט מומים און פגמים, איז אבער פארט דא א ריין קריגל אויל מיטן זיגל טהור להשם, (אינעם בילד זעט מען די סארט זיגל וואס מ'פלעגט פארזיגלען די קריגלעך אויל אין בית המקדש, עס שטייט אויף אראמיש "דכא לי-ה" וואס מיינט "טהור להשם").

וואס דאס איז אונזער ציל; מיר זוכן די ריינע אויל, מיר זוכן נישט די עבירות און די מומים, מיר זוכן נישט וואס די יוונים זוכן, מיר זוכן די ריינע קריגל אויל, מיר ווילן זיין ערליך און ריין, מיר זוכן צו טון דעם רצון ה', מיר זוכן צו לערנען די הייליגע תורה און טון די מצוות פונעם אייבערשטן.

אפילו מיר ווערן פארשמירט און צעבראכן, ווייסן מיר אז דאס איז נישט אונז, דאס איז פונעם יצר הרע, פון די יוונים, און מיר וואשן זיך אפ און רייניגן זיך, דורך די עצות פון הייליגן רבי'ן וואס דער ראש ישיבה לערנט אונז קענען מיר זיך אפוואשן און ווערן זויבער און ריין.

דער ראש ישיבה שרייבט אין די בריוון פון יום טוב חנוכה, בשם די ספרים הקדושים אז חנוכה ווערט נתגלה די אור הגנוז פון ששת ימי בראשית; ווען דער אייבערשטער האט באשאפן דער וועלט האט ער באהאלטן די ליכטיגקייט, אז די רשעים זאלן נישט הנאה האבן פון דעם (חגיגה יב.), אבער חנוכה ווערט דאס אנטפלעקט פאר יעדן איינעם, חנוכה איז יעדער איינער זוכה צו שפירן אז עס איז גארנישט דא אויף די וועלט נאר דער אייבערשטער; עס איז נישטא קיין טבע, מקרה און מזל, נאר אלעס איז דער אייבערשטער אליין, ע"כ.

אפשר קען מען זאגן לויט די אויבנדערמאנטע שמועס, אז חנוכה ווייזט מען פאר אידישע קינדער אז מיר זענען נישט קיין רשעים חס ושלום, נאר מיר זענען יא זוכה צו די אור הגנוז, ווייל חנוכה לערנט אונז אז אפילו מיר האבן זיך פארשמירט, מיר האבן געזינדיגט זענען מיר נישט קיין בעלי מומין, קיין רשעים, נאר די יוונים, די קליפות האבן אונז מטמא געווען, און מיר קענען תשובה טון און ווערן שמן זית זך, ריין און ציכטיג.

# גרויסע הכנות צום
# יום טוב חנוכה

אין שטעטל הערשט א ווארימקייט אין די יעצטיג פראסטיגע טעג, מען גרייט זיך אויף א שיינעם שבת חנוכה צוזאמען מיטן ראש ישיבה שליט"א.

די לעצטע פאר יאר זינט די גרינדונג פונעם שיינעם ברסלב'ן שטעטל, קומט דער ראש ישיבה ארויס אויף שבת חנוכה ווילן מיט אנשי שלומינו צוזאמען בשבת אחים גם, און צוזאמען דאנקען דעם אייבערשטן אויף די געוואלדיגע חסדים אז מיר זענען מקורב צו אזא גרויסע רבי וואס גיבט אונז עצות אדורכצוגיין געשמאק יעדן טאג פונעם לעבן.

מיטן אייבערשטנ'ס הילף וועט מען אפרעכטן א שיינעם שבת צוזאמען מיט ווארימע תפילות און שירות ותשבחות צום אייבערשטן.

מוצאי שבת וועט פארקומען א גרויסארטיגע מלוה מלכה להודות ולהלל אויף אלע חסדים וואס דער אייבערשטער שענקט אונז. ווי אויך וועט די מלוה מלכה זיין געווידמעט צו מחזק זיין די בתי מדרשים פון אונזער שטאט, וואס האלטן זיך אויף פון די געלטער וואס אנשי שלומינו געבן א גאנץ יאר פאר די גבאי הבית המדרש.

די שולן אין שטאט, ובפרט די וואכן שול אויף האשקי וואס ווערט גענוצט יעדן טאג פון יאר קאסט אפ טויזנטער דאלער יעדע חודש, עס קאסט געז צו הייצן, לעקטער, רייניגן יעדע נאכט, פיצן די שניי, גארבעדזש, טעקס, אינשורענס, און נאך.

עס וועט ווערן פארטיילט שיינע מתנות פאר די וואס געבן $600 א יאר פארן בית המדרש.

אז מען רעדט שוין נייעס פון שטעטל איז כדי צו אויפמערקזאם מאכן דעם עולם אז די קאמפאני "טאמפסאן סענעטעישן" וואס א גרויס עולם ניצט, גייט ארויף מיט די פרייז אנגעהויבן פונעם נייעם יאר למספרם, די הנהלה האט ארומגעזוכט ווער עס וועט קענען צושטעלן א בעסערע פרייז, און ברוך השם נאכן בעטן דעם אייבערשטן האט מען געטראפן צוויי קאמפאניס וואס בעטן ביליגער ווי זיי, דאס איז jeff sanitation 845-482-0926 אדער prime sanitation 845-898-1544

התורה חסה על ממונם של ישראל, זעט אריינצורופן און עפענעט אן אקאונט ביי איינס פון די צוויי קאמפאניס, ווייל קומענדיגע וואך גייט די פרייז פון טאמפסאן ארויף.

**הנרות הללו קודש הם!**



# איבער אלץ און אלעמען

גרשון קרעמער

האסט א שאלה? שיק צו askgershon@gmail.com



## טרערן פון צוויבל

### שאלה

**פארוואס רינט טרערן פון די אויגן ווען מען שניידט צוויבל אדער כריין?**

**יעקב וו.**

### ענטפער

א גוטע פראגע, פארוואס קומט צו וויינען ווען מען שניידט אויף צוויבל, אדער ערב פסח ווען מען צומאלט די מרור וואס איז פשט פון די בכיות? מילא ווען מען רעדט צום אייבערשטן, מען לאדענט אפ די שווערע שטיינער פון הארץ דעמאלטס קומט טרערן, דאס הארץ ווערט אויסגעוואשן, און מען ווערט א נייע מענטש, אבער וואס פאסירט ווען מען שניידט אויף די ירקות?

דער אמת איז אז די צוויי סארטן טרערן זענען ביידע אין א וועג די זעלבע זאך, ביידע איז א חסד השם כדי מיר זאלן זיך קענען שפירן בעסער. דער אייבערשטער האט אזוי געמאכט אז ווען מיר וויינען און עס קומט טרערן פון אונזערע אויגן ווען מיר שפירן טרויער, פארשעמט וכדומה, מאכט עס אונז שפירן בעסער, מען שפירט זיך אסאך לייכטער נאכדעם וואס מען וויינט זיך אויס. די זעלבע זאך אויף אן אנדערע וועג איז ביי די טרערן ווען מען שניידט אויף די שארפע גרינצייג; אין צוויבל און אין כריין ליגט א געוויסע שארפע כעמיקאל וואס הייסט שוועבל (גפרית אין לשון הקודש - סולפור אין ענגליש) און ווען מען שניידט אויף די צוויבל קומען ארויס די שוועבל ברעקעלעך וואס שוועבן אריין אין די לופט, אונזערע אויגן זענען זייער הייקל, און כדי די אויגן זאל נישט ווערן געשעדיגט פון די שוועבל האט דער אייבערשטער צוגעשטעלט די טרערן וואס זאלן אויסוואשן די אויגן און עס אפריייניגן, כדי די אויגן זאלן נישט געשעדיגט ווערן.

ווען אונזערע זיידעס זענען גראטעוועט געווארן פון די צווייטע וועלט מלחמה נאך אזא גרויסע חורבן, זיי האבן מקריב געווען פאר אייבערשטן זייער גאנצע משפחה אויפן עקידה, און עס האט זיי אויסגעזען ווי אלעס איז דערנאך; דער אייבערשטער האט אבער געהאלפן, און בזכות די צדיקים האבן זיי זיך געקענט שטארקן און אנהייבן פון פריש, זיי האבן חתונה געהאט און אויפגעשטעלט א פרישע דור, און ווען זיי האבן זיך דערזען פסח ביים סדר, אדער חנוכה ביים ליכט צינדן ווי זיי זענען זוכה צו מקיים זיין די מצות פון אייבערשטן, ארומגענומען מיט א ווייב און קינדער, האבן זיי אויסגעבראכן אין א געוויין, זיי זענען געווען אזוי איבערגענומען אז נאך די אלע צרות האט זיי דער אייבערשטער געהאלפן אז מען האלט דא. דאס איז נישט געווען א געוויין פון טרויער, דאס איז געווען א געוויין פון שמחה.

היינט ווען א איד איז זוכה צו צינדן די חנוכה ליכט - זאגט דער ראש ישיבה שליט"א - זאל מען זען צו צינדן די מנורה מיט א גרויסע שמחה, קינדער קענען נישט נעמען צו זען ווי די עלטערן וויינען, ווען מען זאגט די ברכה "שעשה נסים לאבותינו בימים ההם בזמן הזה" זאל מען עס זאגן מיט א געוואלדיגע דערהויבנקייט און שמחה. קינדער ציען צו טאנצן, קינדער ווערן צוגעצויגן צו א פרייליכע אטמאספער, און היינטיגע צייטן איז קריטיש וויכטיג אז די קינדער זאלן ליב האבן צו זיין אינדערהיים, עס זאל זיין א פלאץ ווי עס הערשט א געשמאקע און לעבעדיגע אטמאספער.

אז מ'רעדט שוין פון חנוכה איז כדאי צו דערמאנען וואס דער ראש ישיבה שליט"א זאגט כסדר, אז חנוכה דארף מען זיין אינדערהיים מיט די ווייב און קינדער. שבת חנוכה פארט מען נישט קיין אומאן. ראש השנה איז די איינציגסטע מאל אין יאר וואס מיר לאזן איבער די משפחה אינדערהיים, דער רבי האט געזאגט "קיין גרעסערס פון דעם איז נישט פאראהאנען", אבער חנוכה איז מען נאר געפארן צום רבי'ן ווען ער האט געלעבט. א בחור מהכי תתי, ער קען פארן ווען ער וויל, אבער א אינגערמאן דארף זיין אינדערהיים פארברענגען מיט די ווייב און קינדער.

**איה הקדשה הוא בעינים על הדרך!**

בס"ד


איך האב
העדלייטס
מען זאל
מיך זען
ר' איד גייט
מיט א
רעפלעקטאר
אז מען זאל
אייך זען
אין די פארטאגס שעה'ן איז אויך וויכטיג צו גיין מיט א ריפלעקטאר
ונשמרתם מאד לנפשותיכם



# יוֹם טוֹב חֲנוּכָּה!



## שאלה

**לכבוד די חשובע ליינער:**

**מיר ציטירן פאר אייך א בריוו פונעם ראש ישיבה שליט"א - וואס איז געשריבן געווארן שנת תשע"ט נר ב' דחנוכה, וויכטיגע הנהגות וויאזוי זיך צו פירן אינעם יום טוב חנוכה.**

**ליינט און האט הנאה!**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת מִקֵּץ, כ"ו כִּסְלֵיו, נֵר ב' דְּחַנוּכָּה, שְׁנַת תשע"ט לפ"ק**

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.

מִיר דַארְפְן דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אָן אַ שִׁיעוּר אַז מִיר הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶועןֹ צוּ וִויסְן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן; דֶער רֶבִּי אִיז אוּנְז מְחַזֵּק, מְעוֹדֵד, מְשַׂמֵּחַ אוּן וֶועקְט אוּנְז אוֹיף פוּן אוּנְזֶער שְׁלָאף, אַז מִיר זָאלְן עֶפֶענֶען אוּנְזֶער מוֹיל אוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

מִיר דַארְפְן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן 'אֲשֶׁר בַּנַּחַל' שָׂם חֶלְקֵינוּ וְגוֹרָלֵינוּ אַז מִיר גֶעפוּנֶען זִיךְ אִין הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ; יֶעצְט חֲנוּכָּה תשע"ט וֶוערְט פִינְף אוּן פוּפְצִיג יָאר זִינְט מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁרַייבְּן בְּרִיוו, אִיבֶּער זִיבֶּעצִיג טוֹיזְנְט בְּרִיוו הָאט מוֹהֲרָא"שׁ אָפְּגֶעשְׁרִיבְּן בְּמֶשֶׁךְ זַיין לֶעבְּן, וָואס וֶוער עֶס לֶערְנְט דִי בְּרִיוְון וֶוערְט אַ בְּרִיָּה חֲדָשָׁה, עֶס בְּלָאזְט אַרַיין אַ חַיוּת אָנְצוּגֵיין מִיטְן לֶעבְּן.

אִיךְ בֶּעט דִיר שְׁטַארְק דִיר מִיט אַלֶע דַיינֶע כֹּחוֹת, הָאבּ אֱמוּנָה אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר וֶועט דִיר נִישְׁט פַארְלָאזְן; זָאג צוּ זִיךְ אַלֵיינְס: "בַּאלְד וֶועט זַיין גוּט", "נָאךְ אַבִּיסְל וֶועל אִיךְ אַרוֹיס גֵיין פוּן מַיינֶע חוֹבוֹת".

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן אִיז אַמָאל גֶעוֶוען אוּנְטֶערְוֶועגְס, עֶר הָאט גֶעכַאפְּט אַ הִיטְשׁ מִיט אַ בַּעַל עֲגָלָה וֶועלְכֶער הָאט גֶעפִירְט פִילֶע זֶעק מִיט מֶעל אִין זַיין וָואגְן, פְּלוּצְלִינְג הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן גֵיין אַ רֶעגְן, עֶס הָאט אַזוֹי שְׁטַארְק גֶערֶעגְנְט אַז אַלֶע זֶעק מִיט מֶעל אִיז גֶעוָוארְן טֵייג, אַנְשְׁטָאט וֶוערְן דֶערְבִּיטֶערְט אוּן צֶעבְּרָאכְן הָאט עֶר זִיךְ אוּנְטֶערְגֶעזִינְגֶען אַ תְּנוּעָה'לֶע צוּ זִיךְ: "יַעֲנְקְל שְׁטַארְק זִיךְ, יַעֲנְקְל שְׁטַארְק זִיךְ, בַּאלְד וֶועט גוּט זַיין"; פַאר רֶבִּי נָתָן אִיז דָאס זֵייעֶר גֶעפָאלְן, הָאט עֶר גֶענוּמֶען דֶעם נִיגוּן אוּן גֶעלֵייגְט אוֹיף דֶעם דִי וֶוערְטֶער: **"וּמְנוֹתַר, וּמְנוֹתַר, וּמְנוֹתַר קַנְקַנִּים נַעֲשָׂה נֵס לַשּׁוֹשַׁנִּים"**, אַזוֹי אוֹיךְ, פוּן דָאס בִּיסְל גוּטְס וָואס מֶען טְרֶעפְט בַּיי זִיךְ וֶועט וֶוערְן גְרוֹיסֶע נִיסִים.

גֵיי אַהֵיים פְּרִי; דַיינֶע קִינְדֶער וַוארְטְן צוּ זֶען וִוי דוּ צִינְדְסְט דִי מְנוֹרָה, דָאס וֶועט בַּיי זֵיי אַיינְגֶעקְרִיצְט וֶוערְן אוּן פַארְבְּלַייבְּן אִין זֵייעֶר מֹחַ פַאר זֵייעֶר גַאנְץ לֶעבְּן. ווען דוּ צִינְדְסְט דִי מְנוֹרָה זָאלְסְטוּ פַארְצֵיילְן פַאר דַיינֶע קִינְדֶער וָואס חֲנוּכָּה אִיז, אַז דִי יְוָנִים הָאבְּן גֶעוָואלְט אוֹיסְרַייסְן דִי אֱמוּנָה אוּן אַרַיין בְּרֶענְגֶען כְּפִירוֹת וְאַפִּיקוֹרְסוּת, מִיר זָאלְן מֵיינֶען אַז דִי וֶועלְט פִירְט זִיךְ דוּרְךְ טֶבַע - וֶוער עֶס אִיז שְׁטַארְק דֶער גֶעוִוינְט, וֶוער עֶס הָאט אַ גְרוֹיסֶע מִילִיטֶער דֶער אִיז מַצְלִיחַ, אָבֶּער דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעוִויזְן וִוי מִיט אַפָּאר חַשְׁמוֹנָאִים הָאט מֶען זֵיי בַּאזִיגְט, אַזוֹי וִוי מִיר זָאגְן (בִּימֵי מַתִּתְיָהוּ): **"מָסַרְתָּ גִבּוֹרִים - בְּיַד חַלָּשִׁים, וְרַבִּים - בְּיַד מְעַטִּים"**, דוּ הָאסְט אִיבֶּער גֶעגֶעבְּן גִבּוֹרִים אִין דִי הֶענְט פוּן שְׁוַואכֶע, אוּן אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן אִין דִי הֶענְט פוּן וֵוייְנִיג מֶענְטְשְׁן; אַלֶעס צוּ וַוייזְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דֶער וֶועלְט אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער קֶען יֶעדְן אֵיינֶעם הֶעלְפְן. דָאס זָאלְסְטוּ פַארְצֵיילְן אִין שְׁטוּבּ פַאר דִי קִינְדֶער - אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְט יֶעדְן אֵיינֶעם.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט פַאר זַיין תַּלְמִיד רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה: **"אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ זַיין, לָאמִיר כָאטְשׁ לִיבּ הָאבְּן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד; לָאמִיר כָאטְשׁ מְקַנֵּא זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אוּן נִישְׁט קְרִיגְן א וֹיף אִים".**

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן דוּ זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

**אַ פְרֵיילִיכְן חֲנוּכָּה.**

גרשון קרעמער



# אילאן מאסק דערקלערט אלס רייכסטער מענטש אין דער וועלט

די פילע ביזנעסער פון דער באקאנטער ביזנעסמאן אילאן מאסק זענען לעצטנס שטארק געשטיגן אין ווערד, בסך הכל ווערט עס היינט צוטאגס געשאצט אז עס האט א מארקעט ווערד פון נאנט צו א האלבע טריליאן דאלער.

ער ווערט פאררעכנט אין דער וועלט אלץ א גאר סוקסעספולער מענטש וואס האט אויפגעבויט פילע אייגנארטיגע און געוואגטע ביזנעסער וואס האבן געטוישט פארשידענע אינדוסטריעס און באוויזן פארשידענע אויפטרעפונגען אסאך ווייטער ווי די פילע סקעפטיקער האבן געטראכט.

דער שאלה ווערט אבער צי דאס הייסט סוקסעס. לאמיר זען וואס די פסוק זאגט (בראשית לט, ב) "וַיְהִי ה' אֶת יוֹסֵף וַיְהִי אִישׁ מַצְלִיחַ וַיְהִי בְּבֵית אֲדֹנָיו הַמִּצְרִי", וויפיל ביזנעס האט יוסף געהאט? וויפיל געלט האט ער געהאט אין זיין באנק אקאונט? האט ער געהאט עפעס א פאליטישע פאזיציע אין מצרים? אז נישט מיט וואס איז ער געווען סוקסעספול? ניין ער האט בכלל נישט געהאט די אלע זאכן, אפשר האט ער געהאט א שטוב מיט קינדער וואס אלע האבן זיך געשאקלט די זעלבע, און אלע זענען געזיצן מיט רויטע בעקעלעך ביים שבת טיש און זיך נישט גערירט, ניין בכלל נישט, ער איז דאן געווען אן אלטער בחור א קנעכט ביים עקלדיגן פוטיפר, לאמיר זען דעם קומענדיגן פסוק "וַיַּרְא אֲדֹנָיו כִּי ה' אִתּוֹ וְכֹל אֲשֶׁר הוּא עֹשֶׂה ה' מַצְלִיחַ בְּיָדוֹ" דער טמא'נער פוטיפר האט געזען אז דער אייבערשטער איז מיט אים, אפשר קענט איר מיר מסביר זיין וויאזוי דער גוי טמא ווייסט אז דער אייבערשטער איז מיט אים? לאמיר זען וואס רש"י זאגט: "שם שמים שגור בפיו", דא ליגט דער סוד, און אזוי אויך פארשטייט מען שוין פארוואס דער פסוק זאגט "וַיְהִי אִישׁ מַצְלִיחַ", און "וְכֹל אֲשֶׁר הוּא עֹשֶׂה ה' מַצְלִיחַ בְּיָדוֹ" און אזוי אויך פון "וַיִּמְצָא יוֹסֵף חֵן בְּעֵינָיו", ווייל א מענטש וואס גערענקט דעם אייבערשטן וואו נאר ער געפונט זיך, דער איז א סוקסעספולער מענטש, און אזא מענטש האט חן אין אלעמענס אויגן.

דער אילאן מאסק האט געבויעט פילע פירמעס ווי "טעסלא" וואס פארקויפט עלעקטראנישע קאַרס, און "ספעיס עקס" וואס שיקט ארויף כסדר ראקעטס צו די ספערן, "ניורא לינק" וואס ארבעט צו קענען ארייַנפלאנצן א טשיפ אין א מענטשליכע מח, און נאך, אזוי אויך האט ער געגרינדעט פירמעס וואס ער האט שוין פארקויפט, ווי "פעי פאל", אזוי אויך האט ער אפגעקויפט פירמעס וואס ער האט געטוישט ווי "טוויטער - עקס".

לעצטנס האט ער זיך צוגעשארט צום נארוואס פריש ערוועלטן פרעזידענט טראמפ וואס דאס האט שטארק געהויבן די ווערד פון זיינע סטאקס, און דערמיט האט זיך געדאפעלט זיין ווערד פון אביסל מער פון 200 טריליאן דאלער פאר צוויי יאר צוריק, ביז היבש איבער 400 טרילאן היינט צוטאגס.

מיר קענען אבער זיין אסאך מער סוקסעספול ווי אים, מיר קענען אנטון תפילין יעדן טאג. וויפיל איז ווערד תפילין? דא זעט עס נישט אויס ווערדפול, אילאן מאסק אינוועסטירט נישט דערין, אבער באלד גייען מיר אהיים, דאן ווען מיר זען ווי גליקליך מיר זענען אז מיר האבן ארייַנגעכאפט א בלעטל גמרא, א פרק משניות, א שמחה של מצוה.

די פארבס ליסטע פון די רייכסטע מענטשן קענען שוין קוים ווארטן ארויפצולייגן דעם ערשטן "טריליאנער" אויף זייער ליסטע, עס זעט זיי אויס אז עס וועט נישט לאנג נעמען און זיי וועלן פובליצירן די ליסטע פון די צען רייכסטע טרילאנערן. זאגט זיי נישט אויס דעם סוד, איך און דו זענען שוין פון לאנג טריליאנערן, און מען דארף אפילו נישט ווארטן אויף נאך די הונדערט און צוואנציג עס צו זען פובליצירט, אפילו דא אויף דער וועלט איז דער פשוטער איד דער אמת'ער "איש מצליח".

**איש מצליח!**

Moisdos Heichal Hakodesh Breslev

בהנהלת הראש ישיבה שליט"א

מוסדות היכל הקודש ברסלב

נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זצ"ל

27 Skillman Street, Brooklyn, New York 11205 | 39 Chestnut Street, Liberty, New York 12754
Tel: 718-384-1652 | Fax: 718-463-5397 | Email: tuition@breslevoffice.com

חודש כסליו תשפ"ה

# חנוכה דרייוו

**מיר ווילן בעטן אלע חשובע אנשי שלומינו, אויב האט איר א פושקע אדער א בייטל וואס איז פול, ביטע געבט עס איבער פאר די גבאי אין אייער שטאט, און נעמט א נייע פושקע.**

**די ליסטע פון די גבאים איז ווי פאלגענד.**

קרית ברסלב – מו"ה יעקב משה אינדארסקי הי"ו **845-662-3207**

קרית יואל – מו"ה יואל טייטלבוים הי"ו **845-467-5299**

מאנסי – מו"ה אנשיל ראזנער הי"ו **845-502-5572**

וויליאמסבורג – מו"ה ישראל שמעון שטיינבערג הי"ו **347-786-4760**

בארא פארק – מו"ה יעקב פיש הי"ו **347-295-4003**

סטעטן איילענד – מו"ה אהרן שלמה שווארץ הי"ו **347-831-4561**

לעיקוואוד – מו"ה עמרם רייכמאן הי"ו **347-374-0966**

**פאר אלע אייערע פראגעס קענט איר רופן דער גבאי פושקעס מו"ה יעקב משה אינדארסקי הי"ו**

**845-662-3207**

---

**דער רבי האט געזאגט "ביי ווערמען איך נעם, געב איך"!**

# געדאנקען

## וואס וועט זאגן "דערררררווילעם"?!

די ברסלב'ע חברה claim'ען דאך אז יעדע יום טוב באלאנגט פאר זיי, שמחת תורה טאנצט מען דאך, פורים איז מען פריילין, שבועות "זאגט" מען די תקון ליל שבועות, מען דארף נישט פארשטיין, ל"ג בעומר בעט מען דעם אייבערשטן מ'זאל "זאגן" אסאך זוהר די יאר, תשעה באב בויט מען דעם בית המקדש, די ספרים הקדושים זאגן אז דער מח פון מענטש ווערט אנגערופן בית המקדש, און אויב דאס ווערט נעבעך חרוב, אויב גוים כאפן זיך אריין דארט, מ'טראכט פון גוים און פון אומריינע זאכן, מוז מען שנעל קלאגן אויפ'ן חורבן און בעטן דעם אייבערשטן: "באשעפער זיי מיר מוחל פאר חרוב מאכן מיין בית המקדש, איך נעם זיך פאר איך גיי עס שנעל צוריק אויפבוין, דורך קושן די מזוזה, געבן א פעני פאר צדקה, איך גיי שוין היטן דעם בית המקדש עס זאל נישט חרוב ווערן".

חמשה עשר בשבט לערנט מען זיך פון דעם בוים וואס שטייט נאקעט אינמיטן ווינטער, אויסגעשפילט, חוזק אין די לענג, חוזק אין די ברייט, אלע זאגן אז פון דיר וועט גארנישט זיין, און דארט אונטן וואו ס'איז טונקל און שימלדיג, וואו דיווארצל פון די בוים וואוינט, דארט זאמלט דער שורש נייע כוחות פון די ווינטער רעגן און זאגט צו זיך אליין: איך גיי עס מאכן! איך גיי עס מאכן! וויפל איך האלט זיך שטארק דא אונטן אין די טונקעלע ערד און בין יונק פון די גשמי ברכה מיט פלייס און אנטשלאסנקייט, אלץ א שענערע בוים וועל איך זיין אין א צוויי חדשים ארום ווען אלע חדר אינגלער וועלן קומען אויפ'ן באס מיט די מלמדים זאגן אויף מיר די ברכה "שלא חיסר בעולמו כלום וברא בו בריות טובות ואילנות טובות", נאר נישט אויפגעבן, הער נישט אויס די וואס לאכן פון דיר.

איז דאך אודאי אז חנוכה פאסט אריין אין די ברסלב'ע טעקסט בוך, נישט קוקן אויף די הונדערטער פלעשלעך טמא'ענע אויל, נאר אויף די איין פיצל ריינע אויל וואס איז דא אין מיר, פארט בין איך א איד, פארט מאך איך א ברכה פאר און נאכ'ן עסן, פארט גיס איך אפ נעגל וואסער.

ביי שלש סעודות פרשת וישב האט דער דיין שליט"א גערעדט פון חנוכה, ער האט זיך געשטעלט אויף א קושיא, מ'זעט אין חז"ל און אין תנ"ך נאך נסים פון אויל, פארוואס נאר דא האט מען געמאכט א יום טוב לדורות?! ס'איז געווען א נס ביי רבי חנינא בן דוסא ווען ער האט געזאגט מי שאמר לשמן וידליק, יאמר לחומץ וידליק, ביי אלישע הנביא איז געווען א נס מיט אויל אז ס'איז גערינען נאך און נאך, פארוואס פונקט נאר דא ביי די חשמונאים האט מען געמאכט אזא גרויסן יום טוב?!



רעכטס איז הר"ר מענדל פוטערפאס ז"ע, לינקס איז הר"ר אהרן חזן ז"ע

האט דער דיין געזאגט אז ביי די חשמונאים איז די צרה געווען פילפאכיג גרעסער ווייל ס'איז געווען מתייונים, אידישע קינדער וואס האבן נעבעך געהאלפן די יוונים מיט זייערע עקירת הדת, דאס איז שוין גאר גאר ביטער, און דערנאך ווען די ערליכע

## איבערלעבענישן, אנאליזן און געדאנקען

**משה אריה שניצלער**

אידן האבן באוויזן צו קענען ווייטער גיין מיט די עבודה אין בית המקדש, דאס איז שוין איינמאל א יום טוב, דאס איז שוין א גרויסע זאך צו געדענקען און מאכן א יום טוב לדורות אז מ'איז ניצול געווארן פון אידן מזרע ישראל וואס קומען טענה'ן פארוואס מוזטו לעבן אין א קולט?!

גראדע, נעכטן האב איך געליינט (צום צענטן מאל) דעם ספר "כ'גלייב" פון הר"ר אהרן חזן ז"ל דער מסירת נפש איד פון רוסלאנד, דארט שרייבט ער נעבעך די סכנה וואס איז געווען אויסצושטייען אין רוסלאנד פון די אייגענע קרובים און גוטמיינענדיגע ידידים וואס האבן געמאנט און געשריגן "פארוואס לעבסטו אין א קולט?! דו ווערסט במילא נישט מנצח זיין! די "קעי דזשי בי" איז במילא שטערקער פון דיר! פארוואס זיך פייניגן און זיך איינרייסן און דערנאך ווערן פארשיקט אין סיביר?! געב אויף! שטעל זיך צו צו די מערהייט! לעב א לעבן! (ה"י)". דאס האבן זיי כסדר געהערט פון נאנטע וואס זענען מיט זיי איינאיינעם געווען אלץ קינד אין איין חדר!

(אן עקסטער זאך, ווי ר' אהרן חזן ז"ל לייגט אראפ אין דעם ספר די עקל און גרויל וואס ער האט באגעגנט ביי זיינע באזוכן אין די קיבוצים וואס די כופרים מיט זייערע "לשם שמים'דיגע" מיטשלעפערס האבן נעבעך אויפגעשטעלט אין ארץ הקודש רחמנא ליצלן).

רעדנדיג פון די יוונים, האט דער דיין געזאגט א טרעפליך ווארט, ס'ווערט געברענגט אז די מסכתא וואס ווערט אנגערופן "סנהדרין" קומט פון א גריכיש ווארט וואס מיינט אן "איינזאמלונג" פון מענטשן, אזוי ווי מ'זאגט אין אמעריקע "אסעמבלי", האט דער דיין געזאגט אז אפשר איז דאס א רמז אז ווען די סנהדרין איז דן א מענטש דארפן זיי טראכטן פון אלע נסיונות און איבערגייעכצער וואס דער מענטש איז אדורך, יעדער וויל זיין גוט, נאר ס'איז דא א גרויסער יצר הרע, ס'איז דא א חכמת יון וואס כאפט זיך נעבעך אריין אין א מענטש, יעדער איד האט א נשמה וואס וויל זיין גוט, יעדער איד וויל זיך ציען צום גוטן וועג, נאר די מתיוונים זאגן אים: "ווערסט במילא נישט קענען האבן שמירת עיניים א גאנצן לעבן, איז, פארוואס זיך מוטשען". השם ישמרינו פון די גוט אויסזעענדיגע אפיקורסים.

אבער די עיקר claim וואס ברסלב האט צו חנוכה איז די זאך פון "ורבים ביד מעטים!" אזוי ווי דער רבי רעדט פון אברהם אבינו וואס איז געווען איינער אליין קעגן א גאנצע וועלט! אויב איז ריכטיג צו זאגן משניות און רעדן שיין צו די ווייב און קינדער, מעגן אלע מומעס און טאנטעס, ידידים און באקאנטע, שרייען מיט די הייזעריגע שטומע קולט! קולט! קולט!

אויב איז ריכטיג צו זאגן משניות און רעדן שיין צו די ווייב און קינדער, מעגן אלע מומעס און טאנטעס, ידידים און באקאנטע, שרייען מיט די הייזעריגע שטומע קולט! קולט! קולט!

אויב איז נישט ריכטיג צו שפענדעווען טויזנטערס אויף עכטע בלומען אויף א חתונה וואו ביידע מחותנים האבן נישט דאס מינימום אויף טאג טעגליכן לעבן, וואס האב איך דערפון אז די דריטע קאזן מיט אלע אירע פון-די-קולט-באזארגטע פריינדינעס וועלן קוויטשענען איינער העכער פון דעם צווייטן אז ס'איז געווען "Stun" "innng" "flaaaaow" "errrrzzzzzzz"

וואס איז די פשט פון לעבן אין א ספענדינג-קולט וואס אויב איך האב נישט קיין געלט פאר עפעס א luxury מוז איך עס טון ווייל וואס וועט זאגן "דערררררוילעם"?!

חנוכה מיינט איך גיי טון וואס איז ריכטיג אפילו איך בין פון די "מעטים". די וועלט לאכט אז זאגן משניות איז א קולט? לאך לאך!! לאך לאך!! דו ספענדסט אויף חובות און לאך פון רעדן צום אייבערשטן! און איך וועל ווייטער זאגן: "הייליגער באשעפער העלף איך זאל טון וואס איז ריכטיג, און מקיים זיין די ערשטע סעיף אין שולחן ערוך "ולא יתבייש מפני בני אדם המלעיגים עליו בעבודת השם יתברך", העלף מיר אייבערשטער איך זאל נישט זוכן צו געפעלן פאר די מתיוונים מיט די געמאכטע זיסע צוקערדיגע שמייכל, העלף מיר אייבערשטער איך זאל וועלן געפעלן נאר פאר די תורה, נאר פאר'ן אייבערשטן".

# מעשיות פון תפילה



## יחזקאל סאמעט

קרית ברסלב

איך האב פארלוירן פרייטאג אסאך וויכטיגע קארטלעך, מיין לייסענס, קרעדיט קארדס.

איך האב געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל עס טרעפן, און אז איך טרעף עס גיי איך עס מפרסם זיין.

שכח אייבערשטער אז ערב שבת פארן זמן האט מען עס געטראפן ליגן אינטערן קאוטש.

## יודל בנציון ווערצבערגער

מאנס

1. מיין באנק האט געטשארטש א געוויסע טשארטש אויף מיין קארטל, איך האב געבעטן דעם אייבערשטן זיי זאלן עס אראפנעמען.

איך האב אריינגערופן די לאקאלע ברענטש ביעטן זיי זאלן עס אראפנעמען, איך האב זיי געבענטשט אין ענגליש G-D Blass you און ברוך השם זיי האבן געקענט באשטיין דאס אראפצונעמען.

2. איך האב געבעטן דעם אייבערשטן צו קענען זיין ביים סיום מסכת בבא בתרא אין אונזער בית המדרש היכל הקודש מאנסי צוזאמען מיטן ראש ישיבה, אויך האב איך געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל קענען דארט שפילן קלארינעט לכבוד דעם גרויסארטיגן סיום, שכח אייבערשטער איך האב געקענט דארט זיין און אזוי אויך מהנה זיין דעם עולם מיט שיינע ניגונים.

# אמאליגע צייטן פלעגט מען גיין צום דאקטער.

אמאליגע צייטן איז מען געלאפן טעגליך
צום דאקטער פאר א פלו טעסט
היינט-צו-טאגס קומט דער דאקטער׳ס אפיס
אראפ צו אייער היים און אפיס.

Medease
CARE AT HOME

718.208.2030
Sunday 12-8 | Mon-thursday. 3-10

די דאקטוירים
אפיס ביי דיר
אינדערהיים

ב"ה

חנוכה
תשפ"ה
לפ"ק

# מרישא ועד גמירא

פלאטפארמע מיטצוהאלטן פארשריט פון ספרי ראש הישיבה שליט"א, ארויסגעגעבן דורך מכון עצתו אמונה

## מעשה'לעך
מעשה'לעך פאר קינדערלעך #3
צווייטע פאזע:
2 אריסשטעלן

## עצתו אמונה
חלק א׳
עודך!
צווייטע פאזע:
2 אריסשטעלן

## איש אמונות
תש"פ חלק א׳
דריטע פאזע:
3 הגהה

מ׳קען שוין איינהאנדלען א זכות דורך אונזער מטבע אקאונט: 00124222790
ווי אויך דורך אונזער או-דזשעי-סי אקאונט: 10505

האנדלט אייך איין א זכות אינעם ספר וואס וועט מחי׳ זיין און מחזק זיין טויזנטער אידישע קינדער צו עבודת ה׳,
רופט שוין: ר׳ ישעי׳ איידליס הי"ו: 347.831.1391 / ר׳ שמואל אייכנשטיין הי"ו: 917.589.3382

dominogrp.com

## קוק אהער

# דער ברסלב'ע כהן

קינד און קייט, אלע אידישע קינדער פון אלע אפשטאמונגען, פילן אן די חנוכה טעג מיטן פארציילן די גרויסע ניסים וואס דער אייבערשטער האט מיט אונז געטון אין די צייטן פון די חשמונאים.

אלע זינגען די הערליכע חנוכה ניגונים, מ'פראוועט שיינע סעודות די גאנצע משפחה צוזאמען. מ'שפילט דריידל, מ'עסט לאטקעס מיט פאנקעך. און פארשטייט זיך אז מ'צינדט אן די הייליגע מנורה און מ'דאנקט דעם אייבערשטן אויף די גרויסע ניסים..

אלע קענען די מעשה פון חנוכה, די יוונים האבן אינגאנצן געוואלט אויסרייסן כלל ישראל חלילה, זיי האבן געוואלט די אידן זאלן פארגעסן אז ס'איז דא א באשעפער וואס פירט די וועלט, זיי האבן געוואלט איינרעדן אז די וועלט פירט זיך פון זיך אליין חלילה מיט מקרה טבע און מזל.

זיי האבן געוואלט חרוב מאכן דעם בית המקדש, די רשעים זענען געקומען און מטמא געווען די שמן זית זך וואס איז געווען אינעם בית המקדש מיטן שטעמפל פונעם כהן גדול, אלעס האבן זיי אנגערירט, אויפגעמאכט און מטמא געווען.

דעמאלט זענען די חשמונאים אויפגעשטאנען, זיי זענען געווען גאר ווייניג אין צאל אנטקעגן די גרויסע גריכישע מיליטער, אבער ווי העלדן האבן זיי אויף גארנישט געקוקט, זיי זענען געווען גרייט זיך מוסר נפש צו זיין פאר די כבוד פונעם אייבערשטן!

דער אייבערשטער האט געמאכט די גרויסע נס וואס מיר אלע זאגן און זינגען. ס'איז געווען רבים ביד מעטים, טמאים ביד טהורים, ורשעים ביד צדיקים, וזדים ביד עוסקי תורתיך. דער אייבערשטער האט געמאכט א נס אז די ריזיגע גריכישע ארמיי וואס איז געווען די שטערקסטע פארגעשריטנסטע אין יענע צייטן מיט אלע אירע גרויסע עלעפאנטן און גענעראלן, זענען באזיגט געווארן דורך א גאר קליינע צאל אידן די חשמונאים.

די געווינס האט קיינער נישט פאראויסגעזאגט, די שאק איז געווען גאר גרויס. די אידן אין ירושלים האבן זיך פלוצלינג געטראפן באפרייט פון די יוונישע הערשאפט, טענץ האבן גראד אויסגעבראכן אין אלע גאסן, די שמחה האט נישט געהאט קיין שיעור!

אין גאנץ ירושלים זענען אידן ארומגעלאפן און פארציילט די ניסים וואס דער אייבערשטער האט געטון, אלע האבן געזוכט וואס מ'קען טון צו אפגעבן א דאנק און לויב צום אייבערשטן. מ'האט מקריב געווען קרבנות. מענטשן האבן צוזאמען גענומען גאלד וואס זיי האבן געהאט, כדי צו עס קענען ברענגען צום בית המקדש.

אינעם בית המקדש טוט זיך א מצב, די כהנים שלאפן נישט, דאס פלאץ איז געווען אויפגעווארפן 'ווי נאך א מלחמה', אינגאנצן איבערגעקערט און צובראכן. ווי פאכלייט האט מען שנעל אנגעהויבן צוריק צולייגן אלעס אין פלאץ, פאררעכטן אלעס וואס איז צובראכן, און אויפרוימען די חורבנות וואס די רשעים האבן איבערגעלאזט.

ס'איז אריבער אסאך שווערע ארבעט, יעדער האט געטון זיין חלק. די בית המקדש קוקט שוין צוריק אויס אזוי ווי איר אלטע פראכט. די כהן גדול גרייט זיך שוין צו אנהייבן נאכאמאל טון די עבודה, די התעוררות איז גאר גרויס, די געמיטער זענען גאר דערהויבן, אלע קוקן ארויס אוןווארטן קוים אויס צו קענען נאכאמאל זען דעם בית המקדש בתפארתו.

מ'גרייט זיך אנצוצינדן די הייליגע מנורה, די לווים זינגן שוין ויהי נועם, מ'לויפט שנעל אריין אין די צימער אין בית המקדש ווי עס ליגט די ספעציעלע אויל מיטן כהן גדול'ס שטעמפל, און

# דאס און יענץ מיט א טיפערע אריינבליק

**ישראל דוד העסקעל**



די חורבן אנטפלעקט זיך פאר די אויגן, די גויים די רשעים האבן אלעס מטמא געווען!

די בכיות און די היסטעריע איז געווען עד לב השמים! מ'איז שוין אזוי פיל אריבער, מ'האט שוין אזוי פיל דערלייגט, מ'האט זיך שוין ענדליך אויפגעהויבן, מ'האט שוין געמיינט אז די בית המקדש גייט אריין אין פולן שוואונג און מ'וועט קענען אנהייבן פארגעסן אביסל פון די צרות אין יסורים וואס די גוים האבן אונז אויסגעטיילט. אבער ניין נישט אזוי שנעל, ס'איז נישט דא קיין ריינע אויל!

ס'איז נישט כאילו אויב וועט מען ווארטן אפאר שעה וועט מען שנעל קענען ברענגען, ווייל צו קענען ברענגען נייע גוטע אויל פארן בית המקדש נעמט מינימום גאנצע אכט טעג!

מיואש און צוקלאפט האט זיך די בית המקדש אנגעהויבן אויסצוליידיגן פון מענטשן, די געמיטער איינגאנצן צושאסן, די נעזער גענצליך אויף אראָפּ, שוין ס'וועט שוין סיי ווי גארנישט זיין...

אזוי אינמיטן די גאנצן מהומה, אזוי אומבאמערקטערהייט, איז געווען איין ברסלב'ער כהן וואס האט געוואוסט אז ס'נישט דא אזא זאך 'איך בין פארפאלן', נישט דא אזא זאך 'איך בין דערנאך', 'פון מיר וועט שוין סיי ווי גארנישט זיין...

ער האט נישט נאכגעלאזט, רוב עולם איז שוין לאנג אהיימגעגאנגען, אבער ער לאזט נישט נאך, ער געבט נישט אויף, ס'איז נישט פארפאלן! אויפגעבן גיי איך נישט, ס'איז זיכער יא דא האפענונג פאר מיר!

אזוי איז אריבער אפאר שעה. ביז אין ווינקל דארט אומבאמערקטערהייט, צווישן נישט וויכטיגע זאכן אויף א פלאץ ווי קיינער האט נישט געקוקט האט ער עס געטראפן! א קליין קריגעלע שמן זית זך מיטן כהן גדול'ס שטעמפל גרייט צום באנוץ.

שטעלט אייך פאר זיין שמחה נאכדעם וואס יעדער האט שוין אויפגעגעבן, יעדער האט אים געזאגט "וואס מאכסטו זיך נאריש ס'איז בוודאי נישט דא... מ'האט געזוכט מ'האט געקוקט מ'האט נישט געפונען און פערטיג..."

אבער ניין ער האט זיי געוויזן אז ס'איז בוודאי יא דא! ער קומט שנעל צו לויפן מיט זיין געוואלדיגע געפונס א פלעשעלע שמן זית זך! די פנים שיינט אים ער איז אזוי פרייליך מיט דעם, ער ברענגט עס אהין, און אלע קוקן אים אן מיט א פארזויערטע פנים "לשמחה מה זו עושה וואס פרייסטו זיך אזוי? קוק, קוק וואס דו האסט געטראפן, יא טאקע ס'איז כשר גוטע אויל, אבער ס'קען קום איין טאג ברענען, וואס האט מען פון דעם, נאכדעם וועט שוין סיי ווי נישט זיין פאר די איבריגע טעג..."

די סוף פון די מעשה קענען מיר אלע, מ'האט אנגעצינדן מיט דעם קליינעם פלעשעלע פאר גאנצע אכט טעג, די מנורה האט געברענט מיט איר פולסטן פראכט!

דער ראש ישיבה לערנט אונז אז דער הייליגער רבי זאגט "זוך אויף אין דיר א נקודה טובה", וואס מיינט דאס?

דו קוקסט זיך אן, ס'איז א גרויסע חורבן, דער יצר הרע האט אנגעדרייט א חורבן אין דיר, ס'איז גארנישט געבליבן אין דיר קיין גוטס, דו קוקסט זיך אן ווי אזוי דו זעהסט אויס, ס'ממש געפערליך, דו פילסט שוין אז דו הייבסט הענט און דו געבסט אויף. פערטיג, אז נישט איז נישט, איך בין שוין סיי ווי א דורכפאל, פון מיר וועט שוין סיי ווי גארנישט זיין.

קומט א צדיק און זאגט דיך "געב נישט אויף, ביסט נישט קיין דורכפאל, זיך אויף אין דיר א נקודה טובה, א קליין פינטעלע גוטס, און מיט דעם זיי זיך מחי'".

און מיט תמימות פאלגסטו די דיבורים וואס דו הערסט ביי די שיעורים, דו טוטסט וואס דער ראש ישיבה זאגט, דו זוכסט אויף אין דיר דאס גוטס וואס דו האסט יא, און דו ווילסט זיך שוין מיט דעם מחי' זיין, פארפאלן בין איך נישט, עפעס א פינטעלע גוטס איז יא דא אין מיר. פלוצלונג קומט א זיסער אידל מיט א געגאסענע חן, און שמייכלט זיך אזוי שיין אונטער "וואס?? דו ביסט זיך מחיה מיט דיין תפילין, מיט דיין שבת, דו ביסט דאך אן אויסווארף, דו מיינסט אז דער אייבערשטער דארף דיינע דיבורים? מעעעע!"

אזוי פארשעמט איז דער הייליגער רבי, יעדער נַאר האט א ווארט צו זאגן, צו מ'האט יא אדער נישט געהאלטן, אדער אז ס'איז נישט ממש אזוי, און אז ס'איז דא אנדערע וועגן צו לערנען. יעדער איינער מיט זיין זיסקייט וואס האט נאר איין מטרה מיך אוועקצושלעפן פונעם רבי'ן און מיך אינגאנצן אויסרייסן!

אבער ניין! איך גיי מיך דערהאלטן, איך קוק נישט אויף קיינעם, מיין קריגעלע קען נאר ברענען אויף איין טאג, איך צינד עס אן, און איך גיי זיך מיט דעם מחיה זיין!

איי ער לאכט דארט ביי די זייט, וואס מאכסטו זיך נאריש, ווי אזוי ארבעט די גאנצע נקודה טובה זאך ביי ענק, וואס ווילסטו מיר איינרעדן, דו גייסט טרעפן אין זיך א פינטעלע גוטס, און פלוצלינג נאכדעם וועט זיך אלעס טוישן? מעעע... ענדערש געב אויף...

> **שטעלט אייך פאר זיין שמחה נאכדעם וואס יעדער האט שוין אויפגעגעבן, יעדער האט אים געזאגט "וואס מאכסטו זיך נאריש ס'איז בוודאי נישט דא... מ'האט געזוכט מ'האט געקוקט מ'האט נישט געפונען און פערטיג..."**

אבער איך גיי מיט אמונת צדיקים, נישט ווייל איך פארשטיי ווי אזוי ס'ארבעט לאז איך נישט נאך, און איך גיי נישט אויפגעבן, און איך גיי יא אויפזוכן דאס פינטעלע גוטס אין מיר, וואס אויף דעם גיי איך קוקן, און מיט דעם גיי איך זיך מחיה זיין! נאר איך גיי אן קיין חשבונות. איך ווייס נישט ווי אזוי ס'ארבעט, ס'גייט מיר נישט אן אז דו זאגסט אז ס'מאכט נישט קיין ברעקל סענס, איך גיי מיך מחיה זיין מיט גוטס, ווייל איך גלייב אין א צדיק!

און וואונדער איבער וואונדער, די מנורה האט געברענט פאר אכט טעג ס'האט געשיינט און באלאכטן. פון די חורבן פון די יוונים איז קיין זכר נישט געבליבן און די עבודה אין בית המקדש איז אריין אינעם פולן קראפט!

אויב א צדיק זאגט "דו קוק נאר אויף דאס גוטס וואס ס'איז דא אין דיר, און די שלעכטס וועט שוין אוועקפאלן", וועט אזוי זיין אפילו דו קענסט עס מיט דיין שכל נישט פארשטיין!

דו קוק אויף דיין גוטס און דער אייבערשטער וועט שוין מאכן ניסים אז דו וועסט ווערן א גרויסע צדיק וואס וועט לייכטן און שיינען!

שכח אייבערשטער אז מיר זענען מקורב צו א צדיק וואס געבט אונז לימודים נישט אויפצוגעבן אין וועלעכן מצב מיר זאלן נאר נישט זיין איז אייביג דא וועג צוריק

יא איך גיי נאך אויך זיין א צדיק, אז מיר וועלן פאלגן די לעכטיגע עצות מיט אמונת צדיקים און נישט אויפגעבן און נישט קוקן אויף קיינעם וועלן מיר אלע ווערן גרויסע צדיקים!

**אשרינו שזכינו להתקרב לרבינו !**




*Deadline to advertise Sunday 12:00 PM*

# קלאסיפיידס

## Egg Boxes

מיר האבן ליידיגע
אייער באקסעס
אוועקצוגעבן ווען
נויטיג.

Call 347-831-4727

## Waze Gemach

ווילט איר פארן ערגעץ
און איר דארפט א
waze מאשין צו בארגן?

Call 929-617-0448

## גרייט אייך צו חנוכה

מיר נעמען אן צו רייניגן אייער מנורה
פאר חנוכה, ווי אויך אלע אייערע
זילבער.

ביטע רופט 347-885-4205

## לעיבלס

מיר פרינטן לעיבלס
לויט אייער געשמאק
ביטע רופט
917-657-4669




מזל טוב!

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א
הערצליכן מזל טוב פאר

**מו"ה שמעון נײשטײן הי"ו**
**וזוגתו חנה פראדל תחי'**
**צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן
זען אסאך אידיש נחת פון אלע קינדער
געזונטערהייט.

מזל טוב!

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א
הערצליכן מזל טוב פאר

**מו"ה מרדכי אינדיג שליט"א**
**וזוגתו מלכה תחי'**
**צו די געבורט פון אן אייניקל למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זען
אסאך אידיש נחת פון אלע קינדער און
אייניקלעך געזונטערהייט.




# רֶבִּי! אִיךְ ווִיל זַיין מְקוּרָב צוּ דִיר!

אִין דִי צַייטְן פוּן הֵיילִיגְן בַּעַל הַתַּנְיָא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער גְבִיר וָואס אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר נָאנְט צוּם בַּעַל הַתַּנְיָא, עֶר פְלֶעגְט כְּסֵדֶר קוּמֶען צוּ פַארְן כְּדֵי זִיךְ דוּרְכְצוּרֶעדְן אוּן שׁוֹאֵל עֵצָה זַיין אִין זַיינֶע עִנְיָנִים אוּן גֶעשֶׁעפְטְן.

יֶעדֶע מָאל פַאר עֶר פְלֶעגְט אַהֵיימְפָארְן, פְלֶעגְט עֶר בֶּעטְן פוּנֶעם בַּעַל הַתַּנְיָא אַ בְּרָכָה עֶר זָאל זוֹכֶה זַיין צוּרִיק צוּ קוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן לֶעבֶּעדִיג, גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק. אוּן דֶער בַּעַל הַתַּנְיָא פְלֶעגְט טַאקֶע אַלֶע מָאל וואוּנְטְשְׁן עֶר זָאל זַיין גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק, אוֹ עֶר זָאל צוּרִיק קוּמֶען לֶעבֶּעדִיגֶערְהֵייט.

אֵיינְמָאל הָאט פַּאסִירְט אַז דֶער חָסִיד אִיז גֶעקוּמֶען זִיךְ גֶעזֶעגֶענֶען אוּן בֶּעטְן זַיין בְּרָכָה אַזוֹי ווִי אַלֶעמָאל, אָבֶּער דֶער בַּעַל הַתַּנְיָא הָאט גֶעשְׁוִויגְן אוּן גָארְנִישְׁט גֶעעֶנְפֶערְט. פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז דֶער חָסִיד אִיז גֶעוָוארְן גָאר דֶערְשְׁרָאקְן, טְרַאכְטְנְדִיג אוֹי וֵויי פַארְוָואס בַּאקוּמְט עֶר נִישְׁט דִי זֶעלְבֶּע בְּרָכָה ווִי אַלֶעמָאל, הָאט עֶר זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן זֵייעֶר אַיינְצוּבֶּעטְן אוּן מוּטְשֶׁעֶן דֶער רֶבִּי עֶר זָאל אִים אָנְוואוּנְטְשְׁן, אָבֶּער דֶער בַּעַל הַתַּנְיָא אִיז גֶעבְּלִיבְּן שְׁטִיל אוּן גָארְנִישְׁט גֶעזָאגְט.

הָאט דֶער חָסִיד פַארְשְׁטַאנֶען אַז עֶס אִיז דָא אוֹיף אִים עֶפֶּעס אַ שְׁלֶעכְטֶע גְּזַר דִּין אוֹיבְן אִין הִימְל, הָאט עֶר זִיךְ גֶענוּמֶען אַיינְבֶּעטְן נָאכְאַמָאל בְּרַחֲמִים וּבְתַחֲנוּנִים.

דֶער בַּעַל הַתַּנְיָא הָאט גֶעזֶען אַז דֶער חָסִיד פַאר'עַקְשְׁנְ'ט זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק אוּן עֶר קֶען זִיךְ נִישְׁט אַרוֹיסְדְרֵייעֶן הָאט עֶר אִים גֶעוואוּנְטְשְׁן "דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט נָאךְ צוּרִיק קוּמֶען דָא"..

ווִי נָאר דֶער חָסִיד הָאט גֶעהֶערְט דֶעם בְּרָכָה הָאט עֶר זִיךְ שְׁטַארְק גֶעפְרֵיידְט אוּן עֶר אִיז אַהֵיימְגֶעפָארְן פְרֵיילִיךְ אוּן אוֹיפְגֶעלֵייגְט.

אָבֶּער אַזוֹי פָארְנְדִיג כַאפְּט עֶר זִיךְ אַז עֶר הָאט אִיבֶּערְגֶעלָאזְט זַיינֶע שְׁלִיסְלֶעךְ אוֹיפְן רֶבִּי'ס טִישׁ, הָאט עֶר זִיךְ צוּרִיק גֶעדְרֵייט צוּם רֶבִּי'ן אוּן אַרַיינְגֶעקְלַאפְּט, עֶר הָאט זִיךְ אַנְטְשׁוּלְדִיגְט פַארְן מַטְרִיחַ זַיין דֶעם רֶבִּי'ן אָבֶּער עֶר הָאט פָּשׁוּט פַארְגֶעסְן זַיינֶע שְׁלִיסְלֶעךְ. עֶר נֶעמְט דִי שְׁלִיסְלֶעךְ אוּן דֶערְנָאךְ אַהֵיימְגֶעפָארְן.


ציון פון בעל התניא זי"ע אין שטאט האדיטש

ווִי נָאר עֶר קוּמְט אַהֵיים טְרַאכְט עֶר צוּ זִיךְ, אוֹי וֵויי אִיז מִיר, בִּין אִיךְ אַ נַאר אוּן אַ בַּטְלָן, דוּרְכְדֶעם וָואס אִיךְ בִּין צוּרִיק גֶעפָארְן נֶעמֶען דִי שְׁלִיסְלֶעךְ אִיז מְקוּיָּם גֶעוָוארְן דִי בְּרָכָה פוּנֶעם רֶבִּי'ן אַז עֶר וֶועט צוּרִיק קוּמֶען, נוּ! עֶר אִיז טַאקֶע צוּרִיק גֶעקוּמֶען, יֶעצְט הָאט עֶר מַפְסִיד גֶעוֶוען דִי בְּרָכָה. עֶר הָאט גֶעהַאט אַסַאךְ צַעַר פוּן דֶעם, עֶס אִיז נִישְׁט אַדוּרְךְ צוּפִיל צַייט, עֶר אִיז קְרַאנְק גֶעוָוארְן אוּן עֶר אִיז נֶעבֶּעךְ אַוֶועק פוּן דִי וֶועלְט.

הָאט מוֹהֲרָא"ש אוֹיסְגֶעפִירְט: מֶען זֶעט ווִי מֶען דַארְף בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין צוּרִיק צוּ קוּמֶען צוּם צַדִיק, זַיין מְקוּרָב מִיט אַן אֱמֶת, אוּן גָארְנִישְׁט אִין דִי וֶועלְט זָאל מְרַחֵק זַיין דֶעם מֶענְטְשׁ פוּנֶעם צַדִיק.

מוֹהֲרָא"ש פְלֶעגְט כְּסֵדֶר אָנְוואוּנְטְשֶׁען פַאר דִי וָואס הָאבְּן גֶעבֶּעטְן אַ בְּרָכָה "דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט נָאךְ צוּרִיק קוּמֶען דָא".

**(שיחות מוהרא"ש חלק ט' ערך התקרבות לצדיקים)**





# דעם הייליגן רבינ'ס לעבנסגעשיכטע

ק'

## פָארְזֶעצוּנְג פוּן פְרִיעֶר:

רֹאשׁ הַשָּׁנָה תקס"ג איז רֶבִּי נָתָן גֶעוֶוען בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה אוּן יוֹם כִּיפּוּר, אוּן דַאן פָארְט עֶר אַהֵיים.
יוֹם טוֹב סוּכּוֹת אִיז רֶבִּי נָתָן גֶעוֶוען אִין שְׁטָאט נֶעמִירוֹב.

דִינְסְטָאג, שִׂמְחַת תּוֹרָה, זֶענֶען זִיךְ צוּזַאמְגֶעקוּמֶען אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ בַּיי רֶבִּי נָתָן, זִיךְ צוּ פְרֵייעֶן בְּשִׂמְחַת הַתּוֹרָה, זֵיי הָאבְּן זִיךְ דֶערְמַאנְט פוּן דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, פוּן דִי תּוֹרָה אוּן דִי זְמִירוֹת וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעהֶערְט בַּיים רֶבִּי'ן, אוּן זֵיי הָאבְּן זִיךְ גֶעדְרַאפֶּעט אוֹיף דִי וֶוענְט פוּן גְרוֹיס דְבֵיקוּת אוּן בֶּענְקְשַׁאפְט צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, זֵיי הָאבְּן שְׁטַארְק חֲרָטָה גֶעהַאט פַארְוָואס זֵיי זֶענֶען נִישְׁט גֶעפָארְן צוּם רֶבִּי'ן אוֹיף יוֹם טוֹב סוּכּוֹת, אָדֶער כָאטְשׁ אוֹיף דִי צְוֵוייטֶע טֶעג, אוֹיף שְׁמִינִי עֲצֶרֶת אוּן שִׂמְחַת תּוֹרָה.

זֵיי הָאבְּן אָפְּגֶעמַאכְט צְוִוישְׁן זִיךְ אַז גְלַייךְ נָאךְ הַבְדָלָה וֶועלְן זֵיי אַרִיבֶּערְפָארְן צוּם רֶבִּי'ן, אוּן הָאבְּן טַאקֶע אַזוֹי גֶעטוּן, אוּן זֵיי זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען קַיין בְּרֶסְלֶב נָאנְט צוּ הַאלְבּ נַאכְט, זֵיי הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן זִינְגֶען הוֹיךְ, "צַהֲלִי וָרֹנִּי יוֹשֶׁבֶת בְּרֶסְלֶב כִּי גָדוֹל בְּקִרְבֵּךְ קְדוֹשׁ יִשְׂרָאֵל", אוּן זֵיי זֶענֶען אַרַיין צוּם רֶבִּי'ן.

בַּיים רֶבִּי'ן הָאבְּן זִיךְ נָאךְ דַאן גֶעפוּנֶען אַסַאךְ אִידְן וָואס הָאבְּן גֶעטַאנְצְן אוּן גֶעקְלַאטְשְׁט מִיט גְרוֹיס שִׂמְחָה, זֵיי הָאבְּן גֶעגֶעבְּן שָׁלוֹם פַארְ'ן רֶבִּי'ן, דֶער רֶבִּי הָאט זֵיי מְכַבֵּד גֶעוֶוען מִיט מְזוֹנוֹת, אוּן זֵיי הָאבְּן זִיךְ זֵייעֶר גֶעפְרֵיידְט אִינְאֵיינֶעם.

נָאךְ אַ שָׁעָה אִיז דֶער בַּעַל עֲגָלָה גֶעקוּמֶען אוּן גֶעזָאגְט אַז עֶר דַארְף שׁוֹין צוּרִיק פָארְן, וַוייל רֶבִּי נָתָן הָאט אִים אַזוֹי גֶעדִינְגֶען, אַז עֶר זָאל זֵיי טְרָאגְן פוּן נֶעמִירוֹב קַיין בְּרֶסְלֶב אוּן וַוארְטְן דָארְט אוֹיף זֵיי פַאר אַ שָׁעָה, אוּן דֶערְנָאךְ צוּרִיק פָארְן נָאךְ יֶענֶע נַאכְט, כְּדֵי מְ'זָאל נִישְׁט וויסְן אִינְדֶערְהֵיים אַז זֵיי זֶענֶען גֶעפָארְן צוּם רֶבִּי'ן.

דִי אַלֶע מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען גֶעקוּמֶען פוּן נֶעמִירוֹב הָאבְּן טַאקֶע זִיךְ גֶעזֶעגְנְט פוּן רֶבִּי'ן, אָבֶער פַאר רֶבִּי נְתָנְ'ן הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט, "אִיךְ הָאבּ דִיר נָאכְנִישְׁט גֶעגֶעבְּן אוֹיף שְׁפֶּעזְן", אוּן רֶבִּי נָתָן הָאט פַארְשְׁטַאנֶען אַז דֶער רֶבִּי וִויל עֶר זָאל בְּלַייבְּן בַּיי אִים. אִיז רֶבִּי נָתָן טַאקֶע דָארְט גֶעבְּלִיבְּן, אוּן דִי אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן זֶענֶען צוּרִיק גֶעפָארְן קַיין נֶעמִירוֹב.

מִיטְוָואךְ, אִסְרוּ חַג, פַארְטָאגְס פַארְ'ן זוּן אוֹיפְגַאנְג, אִיז רֶבִּי נָתָן גֶעגַאנְגֶען מִיטְ'ן רֶבִּי'ן אִין מִקְוֶה, אוּן דֶערְנָאךְ זֶענֶען זֵיי גֶעגַאנְגֶען דַאוֶוענֶען אִינְ'ם אָרְטִיגְן שׁוּל. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהַאט צְוֵויי פָּאר רַשִׁ"יִ'ס תְּפִלִּין, אוּן עֶר הָאט גֶעגֶעבְּן אֵיין פָּאר פַאר רֶבִּי נָתָן, מִיט זַיין וָואכְנְדִיגֶע טַלִית, אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעדַאוֶוענְט דָארְט אִין שׁוּל.

נָאכְ'ן דַאוֶוענֶען הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעגֶעסְן פְרִישְׁטָאג בַּיים רֶבִּי'ן, אוּן נָאכְ'ן בֶּענְטְשְׁן הָאט דֶער רֶבִּי אִים גֶעזָאגְט, "קוּם, לָאמִיר גֵיין אַבִּיסְל שְׁמוּעֶסְן". זֵיי זֶענֶען אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען אוּן שְׁפַּאצִירְט אַבִּיסְל אַהִין אוּן צוּרִיק, רֶבִּי נָתָן הָאט דֶערְצֵיילְט פַארְ'ן רֶבִּי'ן זַיין גַאנְצְן יוֹם טוֹב סוּכּוֹת, ווִי אַזוֹי עֶר הָאט גֶעדַאוֶוענְט מִיטְ'ן כֹּחַ פוּן דִי תּוֹרָה וָואס עֶר הָאט גֶעהֶערְט רֹאשׁ הַשָּׁנָה, ווִי אַזוֹי דִי תְּפִלּוֹת זֶענֶען צוּגֶעגַאנְגֶען אִין דִי סוּכָּה מִיט כֹּחַ אוּן מִיט קְלַאטְשְׁן, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

דֶער רֶבִּי אִיז אַרַיין אִין אַ שְׁטַארְקֶע הִתְלַהֲבוּת, אוּן עֶר הָאט דַאן מְגַלֶּה גֶעוֶוען אַ ווּאוּנְדֶערְלִיכֶע תּוֹרָה אוֹיפְ'ן פָּסוּק (דְבָרִים ל"ב, נ"א) "עַל אֲשֶׁר מְעַלְתֶּם בִּי" (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן מ"ח), אַז סוּכָּה אוּן תְּפִלָּה בְּכֹחַ זֶענֶען מְסוּגָל פַאר קִינְדֶער.

**וָואס הָאט זִיךְ וַוייטֶער אָפְּגֶעשְׁפִּילְט?**
**לֵיינְט קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ אי"ה**

על ידי הפצת ספרי רבינו נביא את משיח צדקינו



# הפצה ווינקל

קרן הדפסה

## בריוו פונעם ראש ישיבה

בעזרת ה' יתברך - יום ג' פרשת תצוה, שובבי"ם, י"א אדר א', שנת תשפ"ד לפרט קטן

לכבוד ... נרו יאיר

אז דו דארפסט א ישועה זאלסטו נעמען א חלק אין דרוקן די ספרים און קונטרסים פון מוהרא"ש, מוהרא"ש האט צוגעזאגט, ווער עס וועט העלפן דרוקן זיינע ספרים און קונטרסים, בפרט ספר אשר בנחל - וועט זען אפענע ישועות.

מוהרא"ש פלעגט בעטן פינף הונדערט דאלער פאר א זכות צו דרוקן אשר בנחל, מיר זענען געבליבן מיט די אלטע פרייז, און ווער עס העלפט דרוקן די ספרים און קונטרסים - זעט אפענע ישועות.

מיר האבן יעצט אסאך פרישע קונטרסים צו דרוקן, מיר ווארטן אויף נדבנים, ווער עס וויל נעמען א חלק אין מקרב זיין און מחזק זיין נשמות ישראל מיט די עצות פון רבי'ן.

קומענדיגע וואך ענדיגן מיר מסכת בבא קמא און מיר הויבן אן מסכת בבא מציעא, איך וויל דיך מחזק זיין זאלסט היינט אנהויבן לערנען דעם בלאט גמרא, אפילו נאר בגירסא, בלי הבנה; מוהרא"ש זאגט, ווער עס לערנט גמרא יעדן טאג - דארף שוין נישט קיין שום תיקון; גמרא וואשט אים אפ, גמרא פארברענט אלע שלעכטס.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

## ישועות אשר בנחל

"דער קאמערשאל פראפערטי וואס איך האב געהאט איז געווארן ליידיג," פארציילט דער גבאי פון קרן הדפסה מו"ה לייבי ראטה הי"ו, "מיין טענענט איז ארויסגעגאנגען, און איך האב געדארפט טרעפן א נייעם. מענטשן זענען געקומען קוקן, אבער קיין איין זאך האט זיך נישט אויסגעארבעט. יעדער האט געהאט אנדערע תנאים, און די גרעסטע פראבלעם איז געווען אז זיי האבן געוואלט לאנגע ליסעס - פינף, צען יאר, און איך האב נישט מסכים געווען, ווייל איך פלאן צו נוצן די פראפערטי פאר זיך אין די קומענדיגע פאר יאר."

"נאך עטליכע וואכן אדווערטייזן האב איך זיך געכאפט אז איך דארף טון דער סגולה וואס איך רעד כסדר דערפון צו אנדערע: "מוהרא"ש זי"ע האט מבטיח געווען אז ווער עס וועט העלפן דרוקן זיין ספר 'אשר בנחל', וועט זען א זיכערע ישועה"."

"איך האב גענומען פינף הונדערט דאלער און עס געגעבן פאר קרן הדפסה צו דרוקן די הייליגע ספרים, און געבעטן דעם אויבערשטן אז דער זכות זאל ער מיר העלפן און איך זאל טרעפן א גוטע טענענט."

"עס איז נישט דורכגעגאנגען קיין פיר און צוואנציג שעה, און איך האב שוין געהאלטן נאכ'ן אונטערשרייבן א קאנטראקט מיט א נייעם טענענט! דער טענענט איז געווען פונקט אזוי ווי איך האב גע'חלומ'ט - ער האט צוגעשטימט צו אלע תנאים וואס איך האב געוואלט, און די גאנצע זאך איז געשען אזוי שנעל אז עס מאכט נישט קיין סענס. אפילו א רעגולער רעזידענשאל ליעס נעמט כאטש א וואך ביז מען ענדיגט עס, כל שכן א קאמערשאל ליעס! אבער דא איז אלעס געגאנגען בדרך נס, ממש חוץ לדרך הטבע."

איך האב נישט קיין שום ספק: דאס איז זיכער געווען בזכות געבן געלט צו דרוקן די הייליגע ספרים פון מוהרא"ש זי"ע. ווילט איר זען א ישועה? ווארט נישט קיין מינוט, רופט שוין אריין מיט אייער נדבה און איבערצייגט אייך אליינס.

**כאפט אריין ישועות און רפואות, רופט אן דעם גבאי מו"ה לייבי ראטה הי"ו אויף 347-578-4449, און זייט מנדב פאר אשר בנחל, און זייט זוכה צו געניסן פון די "הבטחה" וואס מוהרא"ש זי"ע האט צוגעזאגט, אז ווער עס וועט מנדב זיין פאר אשר בנחל וועט זען זיכערע ישועות.**

**צו איבערלאזן אייער פערזענליכע ישועה פון אשר בנחל רופט: 347-578-4449**

צו באקומען די וועכנטליכע עצתו אמונה אפגעשיקט צו אייער טיר

email: subscribe@kerenhadfusa.org

האלל נועקסט: 718.387.2691

# בילדער פון קרן הדפסה



הנהגות ראש השנה פאר שנת תשפ"ו הבעל"ט



די פאלדער מאשין ארבעט העפטיג ב"ה



ווענכטליכע גליונות פאר די חשוב'ע מפיצים

# נייעס פון קרן הדפסה

## דריטער באנד "לייט אף אמונה" מהדורת אונגאר - ארויס פון דרוק

נאכפאלגענדיג די געוואלדיגע הצלחה פון די ערשטע צוויי בענדער, וואס איז געווארן א בעסט-סעלער און איז באגריסט געווארן מיט גרויס ענטוזיאזם דורך די ענגליש-רעדנדע אידן איבער דער וועלט, ערווארט מען אין די טעג דער דריטער באנד לייט אף אמונה. מען הערט צוריק גריסן פון די וואס האבן געלערנט די פריערדיגע בענדער אז זיי קענען שוין קוים ווארטן צו לערנען דעם נייעם באנד.

די הערליכע ספרים "די לייט אף אמונה" - איז אן איבערזעצונג אין ענגליש פונעם הייליגן ספר "עצתו אמונה" וואס איז געשריבן געווארן דורכ'ן ראש ישיבה שליט"א.

ווער עס האט שוין געזען אמאל דעם ספר, און זוכה געווען צו לערנען דערין, דארף מען שוין נישט צופיל מער ערקלערן פון וואס מען רעדט. אין דעם הייליגן ספר טרעפט יעדער זאכליכע ענטפערס אויף אלע שאלות און ספיקות מיט וואס יעדער מוטשעט זיך. און דער ראש ישיבה ענטפערט פאר די שואלים בטוב טעם ודעת אלעס בלויז מיטן תורה'דיגע צוגאנג געבויט אויף די הייליגע ווערטער פון חז"ל, פוסקים, פון הייליגן רבי'ן און זיינע הייליגע תלמידים, אזוי ווי מוהרא"ש זי"ע האט עס אונז איבערגעגעבן.

די הייליגע ברויו האבן שוין באלויכטן אן א צאל אידישע קינדער, און געראטעוועט פילע אידישע שטובער פון אונטערגאנג ברוחניות ובגשמיות. עס האט שוין אויפגעהויבן פילע ערליכע אידן מיט עצות און הדרכה צו ווערן נאנט צום אייבערשטן, דורך גיין אויף א שפאציר און זיך אויסשמועסן דאס הארץ צום אייבערשטן, און צוגעבינדן טויזנטער אידישע נשמות צום אייבערשטן און זיין הייליגע תורה, מיט די זיסע עצה פון סדר דרך הלימוד און זאגן גמרא און משניות טאג טעגליך. עס ראטעוועט טאג טעגליך אידישע שטובער דעם שלום בית, ווען אידן נעמען טעגליך א טעגליכע דאזע פון התחקות און עצות, און ווערן דערמאנט דורך די הייליגע ברויו צו האבן סבלנות, און רעדן שיין צו די ווייב און קינדער, און נישט אויפגעבן.

יעצט איז אונז א גרויסע שמחה צו מעלדן אז אין די טעג איז פארטיג געווארן דער דריטער באנד, וואס וועט טראגן דעם נאמען "מהדורת אונגאר" אויפן נאמען פונעם נדבן מו"ה בניהו אונגאר הי"ו, מחשובי אנשי שלומינו, וואס האט זוכה געווען אפצוקויפן דעם זכות פון דעם באנד.

# אלו יעמדו על הברכה

די טייערע נדבנים וואס האבן גענומען א שיינעם חלק אין הפצת אור רבינו ז"ל די וואך

| | | |
|---|---|---|
| דוד יודא איידליס<br>קרית ברסלב | שמעון עוזר מיטעלמאן<br>מאנסי | ראובן בירנבוים<br>קרית ברסלב |
| יונתן אריה<br>לעיקוואד | שמואל דוד ברוין<br>קרית ברסלב | אהרן יוסף קליין<br>קרית יואל |
| אלי' קנאלל<br>מאנסי | שלמה מינצבערג<br>בית שמש | ישראל גראמאן<br>ירושלים |
| יוסף הכהן פריעדמאן<br>קרית ברסלב | אברהם דוד לאקס<br>קרית ברסלב | לייבי ראטה<br>קרית ברסלב |

צו מנדב זיין:

phone: 718.387.2691 103#

email: donate@kerenhadfusa.org

Message: 347.578.4449




# LOOK! WE'RE OPEN

**OPEN MONDAY & THURSDAY, 12-5**

Open all year round for all your optical needs

OPTICAL AT
RefuahHealth

1885 NY-52 LIBERTY, NY 12754 | 845.482.5008


פאר די
ברסלב״ע
שטוב
א
ריכטיגע
חנוכה
מסיבה
ש. ל. פליישמאן: סטאקס וואס וואקסט אייביג!
ג. פעקעטע: א גרינגע לעבן!
ש. טראכטער: די חנוכה ליכטעלעך האבן געראטעוועט!

# מחשבה

ש. טראכטער



## די ליכטעלעך האט געראטעוועט

ר' נתנאל, דער גביר איז געווען באליבט ביי יעדן אין שטעטל, אידן און להבדיל גוים. די אידן האבן אים ליב געהאט פאר זיין אפענע האנט צו צדקה און זיין גערייישאפט צו יעדן איד. ער פלעגט אלעמאל זיין גרייט ארויסצוהעלפן יעדן איד אין זיין קלעם. אויך איז ער געווען אן ערליכער איד וועלכע האט געקענט גוט לערנען, און אפילו דער רב פלעגט זיך דורכרעדן מיט אים אין הלכה ענינים.

די גוים, טראץ זייער קנאה, האבן אים שטארק געשעצט פאר זיין ערליכקייט און פלעגן אים אפגעבן רעספעקט. אפילו דער גלח, א וויסטער שונא ישראל, האט אים אויך נישט ארויסגעוויזן אפענע שנאה און האט זיך אפילו געוואנדן צו אים אין זיין נויט.

איין טאג הערט ר' נתנאל א קלאפ אין טיר. ווי ערשטוינט איז ער געווארן צו טרעפן ביים טיר שטיין דעם גלח פון שטאט "איך בין געקומען בארגן פון דיר זיבן הונדערט רובל" האט דער גלח געזאגט אן קיין הקדמות "קענסט מיר עס לייען?"

ר' נתנאל האט נישט קיין סאך געטראכט און גלייך געגעבן פארן גלח דאס געלט מיט א פרייליך פנים. "דו האסט נישט מורא אז איך וועל דיר נישט אפצאלן?" האט זיך דער גלח אומווילנדיג ארויסגעכאפט.

"ניין," האט ר' נתנאל געענטפערט. דאן האט ער צוגעלייגט מיט א שמייכל "זיבן איז א אידישע נומער. עס שטייט כל השביעין חביבין" די זיבעטע איז באליבט און דו האסט דאך פונקט גענומען זיבן הונדערט!"

דער גלח איז ארויס פון דארט מיט דאס געלט אין טאש אבער א שנאה אין הארץ. ער האט נישט געקענט אראפשלינגען די רואיגקייט פון ר' נתנאל און זיין גרייטקייט צו בארגן אן קיין דאגה, דאס פאסירט נישט ביי קיין גוי, די ווערטער פון ר' נתנאל זענען אים נאך געקלינגען אין די אויערן.

צייט איז פארביי, עס איז אפגעלאפן דעם טערמין און דער גלח האט נישט געהאט פון וואו צו באצאלן. זיין פחד און בושה האט זיך נאכמער אויסגעדרוקט אין זיין שנאה צום איד, ווייל ער האט מורא געהאט פאר א דורכפאל.

"דער איד רעדט פון אידישע נומערן!" האט דער גלח זיך צעבייזערט, "ער מעג פארגעסן פון די געלט, איך וועל שוין מאכן א בלבול אויף אים און פטור ווערן פון אים מיט די חוב אינאיינעם!" דער גלח האט געוועבט שווארצע פלענער אין זיין מח א גאנצע נאכט, ביז עס איז אים בייגעפאלן א רשעות'דיגע פלאן.

אין יענע תקופה האט געהערשט אין אייראפע די 'שווארצע מגיפה.'

דאס איז געווען א שרעקליכע מגיפה וואס האט גענומען די לעבנס פון טויזנטער טויזנטער. עס איז געווען אן אינטערעסאנטע היסטארישע פאקט אז די אידן האבן נישט געליטן פון די מגיפה. די אמת'ע סיבה וואס מען האט שפעטער דערוויסט איז געווען אז דאס איז געווען צוליב דעם וואס די אידן זענען נזהר אין זיך

וואשן די הענט, סיי נעגל וואסער, נטילת ידים און אשר יצר. דאס אלעס האט געהאלטן די אידן ריין און די גוים, וועלכע האבן זיך קיינמאל נישט געוואשן די הענט זענען געווען פול מיט דזשערמס און שמוץ וואס האט געברענגט קרענק און טויט צווישן זיי.

טראץ די אידן האבן נישט געכאפט די קרענק, האבן זיי פיל געליטן צרות דערפון, ווייל די גוים האבן זיך איינגערעדט אז די אידן פאר'סמ'ן די קוועלער וואסער. דער גלח האט באשלאסן אויסצונוצן די מגיפה און מאכן א בלבול. זיין פלאן איז געווען פשוט. ער וועט באהאלטן א פלעשל סם אין ר' נתנאל'ס הויף, דערנאך וועט ער רופן די פאליציי און זיי ווייזן די סם און ער וועט זיי זאגן אז מיט דעם סם, טוען די אידן פאר'סמ'ן די וואסערן! אזוי, האט דער גלח געהאפט, וועט ער פטור ווערן פון ר' נתנאל און אפשר אויך פון אלע אידן.

אינדערפרי האט ער אריינגערופן זיין באדינער און אים געזאגט אז היינט נאכט דארף ער עפעס 'ערלעדיגן' ביי דעם איד ר' נתנאל און ער וויל אז ער זאל אים באגלייטן. דו וועסט זיך באהאלטן נעבן דעם פענסטער און איך וועל שטיין פונדערווייטנס. ווען דו וועסט זען אז יעדער שלאפט שוין זאלסטו מיר ווייזן א סימן און איך וועל וויסן אז איך קען שוין קומען נענטער און טון וואס איך דארף.

"וואס וועט זיין דער סימן?" האט זיין משרת געפרעגט. דער גלח האט זיך פארטראכט און דאן האט ער געשמייכלט א רשעות'דיגע שמייכל.

"זיבן! דאס איז א גוטע סימן! דו וועסט אנצינדן זיבן ליכטלעך און דאס וועט זיין פאר מיר א סימן." אין הארצן האט ער געטראכט מיט שפאט, לאמיר זען וויאזוי די אידישע נומער וועט העלפן דעם איד'ל.

יענע נאכט שטייט דער באדינער אונטער'ן בוים און דער גלח שטייט פונדערווייטנס. אבער נאך איינער איז דארט געשטאנען. דאס איז געווען ר' נתנאל! ער איז געשטאנען ביים פענסטער און זיך געגרייט צו צינדן די חנוכה ליכט! דאס איז געווען די זעקסטע נאכט חנוכה. מיט גרויס כוונה האט ער אנגעהויבן די ברכה "שעשה נסים" און געצינדן איין ליכטל נאך די אנדערע! ווי נאר ער האט געענדיגט צינדן די זיבן ליכטלעך האט ער זיך געזעצט מיט זיין משפחה און אנגעהויבן צו זינגען דעם הארציגן ניגון פון מעוז צור.

דער גלח ציילט נאכאמאל איבער. איינס... צוויי... דריי... פיר... ביז זיבן (מיט'ן שמש)! א פייער פון נצחון האט זיך אנגעצונדן אין אים.

...

די גאנצע משפחה פון ר' נתנאל האט זיך דערשראקן פון די פלוצלימ'דיגע גערודער ביים פענסטער. זיי האבן געמיינט אז דאס איז עפעס א חי', אבער ווי פארוואונדערט און דערשראקן זענען זיי געווען צו זען אז דאס איז גאר דער גלח אליינס! און ער קריכט גאר אריין פון פענסטער ווי א גנב!

"וואס טוסטו דא?" האט ר' נתנאל שטרענג פארלאנגט. דער גלח האט אנגעהויבן שטאמלען מיט שרעק און ר' נתנאל האט שוין אלעס פארשטאנען ווען ער האט דערזעהן דעם פלעשל סם ביים גלח אין האנט. ר' נתנאל האט מיט געוואלד געשלעפט דעם גלח צו די פאליציי, וועלכע זענען געווען אייניג שאקירט אז זייער געערטער גלח פירט זיך אויף ווי א פשוט'ער גנב.

א טאג דערויף האט מען געשטעלט דעם גלח צום געריכט און אים געפרעגט וואס ער האט צו זאגן. דער גלח האט גארנישט געקענט זאגן פון שרעק נאר ער האט געשטאמלט די פאר ווערטער, "זיבן איז א אידישע נומער!" די מענטשן פון געריכט-הויז האבן געמיינט אז דער גלח איז גערירט געווארן, אבער ר' נתנאל האט שוין איינמאל פארשטאנען וואס די ווערטער באדייט. דער גלח האט באקומען זיין פארדינטער שטראף און ר' נתנאל האט יענע נאכט אפגעראכטן א סעודת הודאה.

די חנוכה ליכטלעך האבן אים געראטעוועט אויף א וואונדערליכן אופן!

...

דער ראש ישיבה דערמאנט אונז שטענדיג פאר די יום טוב חנוכה קומט, וואס די גרויסקייט פון דעם יום טוב איז, אז חנוכה איז א צייט פון דאנקען און לויבן דעם אייבערשטן, אזוי ווי עס שטייט (על הניסים): "וקבעו שמונת ימי חנוכה אלו להודות ולהלל".

לאמיר זען פון אונזער זייט צו ענדיגן די ארבעט באצייטענס, און זיין גרייט ווען די מאן קומט אהיים, ער זאל גלייך קענען צינדן די הייליגע חנוכה ליכט, וואס די לעכטעלעך ברענגט ישועות פאר זיך און די גאנצע משפחה.

און אז מען זיצט שוין ביי די לעכט כאפט מען אריין א קליין תפילה: "באשעפער העלף מיר זיין א ערליכע פרוי וואס טוט דעם רצון השם, העלף מיר מחנך זיי די קינדער ווי מען דארף, העלף מיר איך זאל קענען מכבד זיין מיין מאן אזוי ווי דער ראש ישיבה לערנט אונז אויס".

ש. ל. פליישמאן

# איפן וועג אהיים

צוזאמען ביים שיעור פארברענגט, ווערן בעסער איך בענק, כאטש עפעס איך געדענק

## סטאקס וואס וואקסט - אייביג!

ראש ישיבה:
ס'איז מיר א כבוד און זכי',
אידישע מאמעס צו זיין מחזק,
ווי הייליג אייער יעדע יגיעה,
מען קען עס נישט זיין משיג!

* * *

צום סטייפלער גאון, אזוי הייליג,
א פרוי איז אריינגעקומען,
עס איז איר שווער איר חלק,
פארפלאגט און איבערגענומען.

וויפל קינדער איז דער שיעור,
פארוואס זיך מוטשען איבעריג?
דער צדיק זאל זאגן איר,
צו איז אפשר שוין גענוג...

דער צדיק ערקלערט מיט הבנה,
ס'איז שוין לאנג געווארן באשטימט,
נאך אנפאנג יאר ראש השנה,
וויפל פלאג און מוטשע קומט...

וויפיל צייט פאר זיך, me time
מיט אייזקרים אויף די סווינג,
vacation אדער אינדערהיים,
אנקומען שווער אדער גרינג.

וויפל דו ווערסט אויפן קאוטש זיצן,
האט מען אויך באשטימט דאן,
דיין סכום דאגות און זיפצן,
אלעס לויטן ראש השנה פלאן!

ביי די וואס האבן קינדער ווייניג,
ווערט זיי גארנישט גרינגער,
אלע מוטשענען זיך אייניג,
**ביי דיר איז עס פאר די קינדער!**

ווילסט נישט עס זאל זיין דיין פלאג,
אויף זאכן צייטווייליגע...
נאר דיין מיה, נאכט און טאג,
זאל זיין מיט קינדער הייליגע....

אז מען מוטשעט זיך ממילא,
זאל עס זיין פאר נצח נצחים.
דאס לעבן איז נאר א קורצע ווײַלע,
און דו בלייבסט מיט בלויז רווחים!!!

ווען זיי נעמען דיר די מארך ארויס,
אנטלויף נאר צו איין ארט:
אריין אינעם אייבערשטנ'ס שויס,
באקוועם ווערסטו פילן דארט!

זאג פארן באשעפער:
**"איך פלאג זיך מיט די קינדער,**
**געב מיר כוחות פרישע,**
**צו פארנעמען דיינע וואונדער,**
**מיט שמחה און קדושה...!"**

"איך געב אלעס פון מיר **פאר דיר** אוועק,
מיין שלאף, מיין אטעם, און מיין בלוט,
אלעס נאר פאר דעם איין צוועק,
געב מיר דורות ערליך, וואויל און גוט!"

הזורעים בדמעה - מיט פיל נאסע טרערן,
מאמע האסטו איינגעזייט,
ברנה יקצרו - ווערסט עלטער ווערן,
און שניידן די פרוכט מיט פרייד...

ארומגענומען מיט אייניקלעך - אזא הנאה,
ווערסטו דעמאלטס קוקן אויף צוריק,
געלוינט האט מיין יעדע השקעה,
שכח באשעפער פאר די אייביגע גליק!!!

# הער א מעשה

## מ. ג.
לינדען

מיין צווייטע טאכטער האט אנטוויקלט א שווערע אינפעקשן אויף אירע הויט. עס איז געווען שרעקליך צוצוקיקן ווי זי קראצט און בלוט.

מיר האבן פרובירט אסאך מיטלען עס אויסצוהיילן אבער אן ערפאלג. נאך אסאך בעטן דעם אייבערשטן מיט טרערן, און דערנאך טון שתדלנות מיט תפילות, איז עס כמעט גענצליך אוועק געגאנגען!

שכח אייבערשטער.

## א פרוי
פון אמעריקע

איך האב פארלוירן זייער א וויכטיגע צעטל, עס איז נעלם געווארן, איך האב זייער זייער שטארק געבעטן דעם אייבערשטן אז איך זאל קענען טרעפן די צעטל. עס איז דורך איין שעה, צוויי שעה, איך האב געזוכט אין די גאנצע הויז איבעראל וואו עס קען זיין, און עס איז נישט געווען צו געפינען. איך האב זייער שטארק געבעטן דעם אייבערשטן.

איך האב צוגעזאגט א מעשה פון תפילה אז איך גיי עס איבערגעבן פאר די קרית ברסלב בלעטל.

שכח אייבערשטער נאך דריי פיר שעה זוכן האב איך עס געפינען.

## א. פ. שניצלער
קרית ברסלב

מיין מיידל'ס קאוט איז געווען אויסגעוואקסן, איך האב באשטעלט פאר איר א שיינע קאוט, ענדליך עס קומט אן זע איך אז ס'איז ריזיג. ב"ה איך האב עס געקענט צוריקשיקן און איך האב באשטעלט איין סייז קלענער.

אבער ס'איז אויך געווען צו גרויס, ממש נישט פאסיג פאר מיין קליינע מיידל. ב"ה איך האב דאס אויך געקענט צוריקשיקן.

יעצט האב איך שוין געמאכט אסאך תפילות צו קענען האבן די ריכטיגע קאוט, ווי אויך זאל עס זיין גוט פאר קומענדיגע יאר אויך.

איך האב באשטעלט צוויי סייזעס קלענער. שכח אייבערשטער ס'איז אנגעקומען און איך טו עס אן, און ס'איז ממש ווי געגאסן אויף איר צוקערדיג זיס.

שכח אייבערשטער פארן אויסהערן מיינע תפילות.

## ל. ש. וועבערמאן
קרית ברסלב

זייט איך האב חתונה געהאט האב איך אנגעהויבן זאגן קריאת שמע שעל אריז"ל, ווייל איך האב געהערט פון דער ראש ישיבה ווי חשוב עס איז. אבער למעשה האב איך נישט געשפירט א געפיל צו דעם, אזוי ווי איך פלעג שפירן צו די קריאת שמע פון אלץ קינד.

יעדן טאג ווען איך האב געענדיגט זאגן די קריאת שמע, האב איך געמאכט א תפילה אז עס זאל מיר זיין זיס און געשמאק די קריאת שמע וואס איך זאג.

איין טאג הער איך אויף די פרויען האטליין אז מ'קען אויסהערן די קריאת שמע של אריז"ל שיין פארגעזינגען. איך האב עס אויסגעהערט אפאר מאל און מיטגעזאגט.

שכח אייבערשטער די קריאת שמע איז מיר געווארן געשמאק און זיס. יישר כח מרת אייזנער פאר די הערליכע אפטיילונג אויף די האטליין.




די בריוו האב איך דיר שוין לאנג געוואלט שרייבן, דיר זאגן ישר כח מיין ליבער טאטע פאר אלעס וואס דו האסט געטון פאר מיין טובה, פאר די טובה פון מיין נשמה, עס זאל מיר זיין גוט.

אבער יעצט ווען דו געפינסט זיך אין עולם האמת קענען קיין בריוו נישט אנקומען צו דיר, וועל איך ארויסשרייבן אויפן פאפיר וואס ליגט מיר אויפן הארץ. אפשר וועט דאס אביסל פארשטילן די בענקשאפט שטורעם געפילן.

מיט עטליכע יאר צוריק ווען איך בין נאך געווען א מיידל, איך בין דעמאלס אלט געווען ארום 14 יאר, האט דער אייבערשטער רחמנות געהאט אויף מיר און מיר צוגעפירט צו די שיעורים פון דער ראש ישיבה שליט"א. מיין לעבן האט זיך דאן אינגאנצן געטוישט, איך בין געווארן א פאזיטיווע צופרידענע מיידל וואס טראכט אויך פון א צווייטן און נישט נאר פון זיך. מיין כיבוד אב ואם האט באקומען אן אנדערע צורה. איך האב אנגעהויבן צו העלפן אין שטוב און ארויפקוקן ענק מיינע חשובע עלטערן און גאר שטארק מכבד זיין.

דער אייבערשטער האט עס אויסגעשטעלט מיט אזא פונקטליכע חשבון, ווייל פונקט אין יענע תקופה האט מאמא תחי' באקומען יענע מעשה, דער אייבערשטער זאל אפהיטן, און דעמאלס האב איך באקומען אויף מיינע יונגע פלייצעס די גאנצע ווערטשאפט פון א אידישע שטוב.

די שיעורים וואס איך האב דאן אנגעהויבן צו הערן האבן מיר געמוטיגט און אונטערגעהאלטן איך זאל קענען האלטן די שטוב מיט א פרייליכקייט, און אריינבלאזן א חיות אין מאמא, זי זאל קענען דורכטראגן די שווערע קימא-טעראפי, און זיך מיטן אייבערשטנס הילף שטארקן איבער די געוואוקס אין איר קערפער.

אין יענע צייט האט דער ראש ישיבה שליט"א מיר כסדר מחזק געווען, מיר געשריבן בריוון און דאס האט מיר געהאלטן שטארק, פעלזן שטארק, איך זאל ווייטער קענען אנגיין, אפילו אין זייער שווערע צייטן ווען דו פלעגסט מיר אויפוועקן - א יונגע מיידל - צו גיין דערמינטערן מיין מאמע וואס ליגט גע'חלש'ט טאג נאך טאג פון די שוואכקייט פון די קימא-טעראפי.

אויך האב איך באקומען דעמאלס מיין לעבנ'ס מתנה. איך האב זיך דערוואוסט פון די לעכטיגע עצה פון שמועסן מיטן

ש.ח. שטערן

אייבערשטן. נאכט נאך נאכט בעפארן דיר אויפוועקן צו זאגן תיקון חצות - אזוי ווי דו פלעגסט מיר בעטן - האב איך זיך איבערגעדעקט מיטן דעק ביז איבערן קאפ און אזוי געוויינט "אייבערשטער איך דארף א מאמע ביי מיין חופה, און אויב דו האסט מיר געגעבן א מאמע וואס איז נישט געזונט, גיב מיר די כוחות צו דעם". איך האב געוואוסט אז אויב ענק האבן געבוירן מיר מיט מיין לעכטיגער צווילינג ווען דו ביסט געווען 57 און מאמא 52 יאר, דארף איך אסאך בעטן פאר דעם.

אזוי איז די פאר יאר אריבער ווען איך האב די געוואלדיגע זכי' צו באדינען ענק מיינע איבערגעגעבענע עלטערן. איך האב ברוך השם געהאט די זכי' דיר אויפצואוועקן יעדע נאכט ביי חצות און ענטפערן אמן אויף די ברכות השחר וואס דו פלעגסט זאגן מיט אזא געשמאק.

שכח אייבערשטער אז מאמא האט זיך אינגאנצן ארויסגעדרייט פון די מחלה אדאנק אזוי פיל תפילות פון מיר און אלע אידישע קינדער.

איך געדענק מיין ליבער טאטע ווי יעדע מאל איך האב געמאכט א סיום אויף תהלים, ביסטו געווארן אזוי פרייליך, און מיט א ליבליכע שמייכל אויפן פנים מיר געזאגט א שיינע גימטריא אויף די נומער סיום וואס איך האב געמאכט.

אויך וויל איך דיר זאגן א גרויסן ישר כח פאר דעם וואס דו האסט מיר חתונה געמאכט, האסט געטוהן וואס איז ריכטיג און נישט געקוקט וואס דער זאגט און וואס יענער האלט.

איך געדענק די בריוו וואס דו האסט געשריבן פאר דער ראש ישיבה שליט"א אז דיין טאכטער איז אנגעקומען צו שידוכים






צו דער ראש ישיבה שליט"א האט עפעס א גוטע שידוך פאר מיר.

שכח אייבערשטער איך האב טאקע געהאט די זכי' אז דער ראש ישיבה שליט"א איז געווען מיין שדכן, ביסט געווען און ביסט נאך אלץ אזוי פרייליך מיט מיין שידוך. נאך די שידוך ביסטו ארויפגעגאנגען באצאלן שדכנות געלט פאר דער ראש ישיבה שליט"א ווען ער האט באזוכט אין ארץ ישראל.

דיינע אלע שיינע מעשים וועט מיר שטענדיג בלייבן איינגעקריצט אין די ביינער, ביזט געווען פאר מיר א ריכטיגע דוגמא פון א איד א צדיק, א איד וואס לעבט מיטן אייבערשטן א גאנצן טאג. איך בעט דעם אייבערשטן איך זאל א גאנץ לעבן קענען גיין אינעם רבינ'ס וועג וואס דאס האסטו מיר אייביג געלערנט.

דא ברענג איך אראפ א שטיקל בריוו פונעם ראש ישיבה ד' פרשת ויצא שנת תשפ"א: אִיר הָאט מִיר זֵייעֶר דֶערְפְרֵיידְט מִיט אַייעֶר בְּרִיוו אַז אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן זֶענֶען פְרֵיילִיךְ מִיט אַייךְ, אִיר זֶענְט מְקַיֵים מִצְוַת כִּיבּוּד אָב וָאֵם בְּשִׂמְחָה.

אַז אַייעֶר מַאמֶע תִּחְיֶ' גֵייט אַרִיבֶּער יֶעצְט שְׁוֶוערֶע טֶעג, זִי נֶעמְט שְׁוֶוערֶע מֶעדֶעצִין פַאר דִי בִּיטֶערֶע מַחֲלָה הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ, זָאלְט אִיר הֶעלְפְן אַייעֶר מַאמֶע מִיט וָואס אִיר קֶענְט נָאר; הֶעלְפְט אִיר מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת אוּן מִיט שִׂמְחָה. מֶען גֶעבְּט זִיךְ אֵיין דְרֵיי אוּן מֶען אִיז אַלֵיינְס אַ מַאמֶע אוּן וִוי אַזוֹי מִיר פִירְן זִיךְ צוּ אוּנְזֶערֶע עֶלְטֶערְן - וֶועלְן זִיךְ דִי קִינְדֶער פִירְן מִיט אוּנְז; אַז מִיר וֶועלְן הֶעלְפְן דִי מַאמֶע מִיט שִׂמְחָה וֶועלְן אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער זַיין וואוֹיל אוּן עֶרְלִיךְ, אַז מִיר וֶועלְן רֶעדְן שֵׁיין מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ צוּ אוּנְזֶערֶע עֶלְטֶערְן וֶועלְן אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער רֶעדְן שֵׁיין צוּ אוּנְז.

אִיר זָאלְט וַוייזְן דֶעם בְּרִיוו פַאר אַלֶע אַייעֶרֶע חַבֶרְ'טֶעס; זָאלְן אַלֶע וִויסְן וָואס דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז. וָואס מֵיינְט אַ בֵּית פֵיגָא תַּלְמִידָה? נָאר אַז מֶען רֶעדְט שֵׁיין צוּ דִי עֶלְטֶערְן, מֶען חוּצְפָּה'ט זִיךְ נִישְׁט, מֶען שֶׁעמְט זִיךְ נִישְׁט מִיט דִי מַאמֶע, מֶען שֶׁעמְט זִיךְ נִישְׁט מִיט אַ טַאטֶע - דָאס אִיז אַ בְּרֶסְלֶבְ'עֶ מֵיידְל.

# Potato Dreidels

BY: G. APPEL

## INGREDIENTS:

- 4 IDAHO POTATOES
- OIL FOR FRYING
- SALT
- BLACK PEPPER




## DIRECTIONS:

(PICTURE 1) PEEL POTATOES.

(PICTURE 2) CUT EACH POTATO IN HALF- LENGTHWISE.THEN CUT EACH HALF INTO 1/4 INCH SLICES.

(PICTURE 3) CUT OFF AN L SHAPED PIECE ON THE TOP RIGHT SIDE OF EACH POTATO SLICE. THEN REPEAT ON THE LEFT SIDE TOWARD THE OPPOSITE DIRECTION (A BACKWARD L)

(PICTURE 4) CUT OFF A THIN SLANTED PIECE ON EACH SIDE OF THE BOTTOM TO FINISH THE DREIDEL SHAPE.

FRY OR BAKE ON A LINED COOKIE SHEET ON 425° FOR 45 MINUTES.

ENJOY, A FREILICHEN CHANUKAH!



ג. פעקעטע

# א גרינגע לעבן!

## ימים ההם

בעון די יוונים האבן געטומלט און אריינגעשטורעמט אין בית המקדש האט אויסגעזעהן ווי עס איז נישטא קיין וועג פאר די אידן אנצוגיין. עס האט אויסגעזען ווי דאס מאל וועלן שוין די יוונים איינגאנצן אויסווישן יעדע פינטל אידישקייט, אבער די חשמונאים כאטש זיי זענען געווען קליין אין צאל האבן זיי זיך נישט דערשראקן און צוריק מלחמה געהאלטן און אזוי געראטעוועט כלל ישראל.

אבער מיין נישט אז די חשמונאים זענען געווען א גרויסע שטארקע באוואפנטע ארמיי. ניין, זיי זענען געווען קוים אפאר מענטשעלעך וואס האבן זיך געקענט אנהאלטן אין זייער שטארקע אמונת צדיקים און גלייבן וואס דער כהן גדול זאגט "מי לה' אלי - ווער עס איז צו דעם אייבערשטן געטריי, זאל קומען מיט אונז אין ארמיי".

דעמאלט האט עס אויסגעזען חוזק. ווי אזוי קענען אפאר שוואכע אידעלעך וואס ווייסן נאר ווי אזוי מען לערנט און דאווענט, וויאזוי מען טוט די עבודה אין די בית המקדש, זיך קעגן שטעלן די ריזיגע מעכטיגע ארמיי פון אנטיוכוס. אבער טאקע אין די זכות, פון זייער אמונה אינעם אייבערשטן, און זייער אמונת צדיקים, זיי האבן געגלייבט אז אויב מתתיהו כהן גדול האט אויסגערופן - מיר גייען קריגן די יוונים - וועלן זיי מנצח זיין. און טאקע אזוי איז געווען.

## בזמן הזה

**מרת. מאנדל פארציילט:** אזוי ווי אין די חלום פון פרעה, זענען ביי מיר אויך אריבער 7 יאר פון פול ארבעט - וואס זענען פארשלונגען געווארן אין איין מינוט פון ביטול.

א מעשה אויף א למעשה

זיבן לאנגע יארן האט מיר גענומען צו איינזען די אמת פון חוי'ס פשוט'ע ווערטער.

זיבן פעטע יארן, יארן פון שפע, פון פרנסה וואס איך האב זיך יא ערלויבט צו קויפן יעדע סארט טייערע פליישן, ווי אויך 'רעדי טו קוק' עסן צומאל, זיך צו קענען גרינגער מאכן און קאכן ווי א פראווי.

זיבן הונגער יארן, וואס איז געווען אביסל



א שאד די שווערע הארעוואניע פון שטיין אין קאך שעה'ן אויף שעה'ן.

מער געדרוקט, איך האב זיך נישט ערלויבט, איך האב גענומען די קארטאפל, עס אליין געשיילט, אליין געשניטן די קאטלעט און עס אליין איבערגעצויגן, און אזוי עס געפרעגלט

עס זענען אריבער געגאנגען זיבן יאר פון ארויף און אראפ, עליות און ירידות. זיבן יאר פון ברוך השם ברענגען נאך קינדער פארן אייבערשטנ'ס וועגן, זיבן יאר וואס איך האב זוכה געווען צו חתונה מאכן אפאר קינדער, און זען ווי זיי שטעלן אוועק זייערע אייגענע שטיבער, מיט די פיל טרערן און תפילות פון די עלטערן וואס האבן זיי באגלייט אונטערן חופה. נאכדעם די יארן וואס די קינדער זענען אריבערגעקומען זיך מחי'ה זיין, זיך דערקוויקן מיט א ווארעמע נאכטמאל, מיט א שבת סעודה, ביי די עלטערן אינדערהיים.

אזוי זענען געלאפן די יארן, עס זענען געווען טעג וואס איך בין אהיימגעקומען אויסגעמאטערט, אפגעשוואכט, צו די באסעס, צו אפנעמען די קינדער, און אין די זעלבע סעקונדע זיך איבערטויישן צו וועש וואס איז געאייגנט פאר א מאמע וואס פירט א שטוב, וואס פירט א ווירטשאפט. עס זענען געווען צייטן וואס איך האב זיך געטראפן אין קאך פון זיבן אזייגער אינדערפרי, און זיך געטראפן קאכן און באקן מיט א שטארקע פעסטקייט, צו קענען ענדיגן א נאכטמאל איינס אין דער וועלט, אין צייט – זיבן אזייגער ביינאכט.

עס זענען געווען צייטן וואס איך האב געפילט אז איך פאל פון מיינע כוחות, אבער מיט מיין לעצטע ביסל כח בין איך נאכאמאל געגאנגען צו מיין קאך, און זיך געשטעלט קאכן און באקן, עס זאל זיין פיינע גוטע נאכטמאל פאר די גאנצע משפחה, צו זעטיגן זייער הונגעריגע זעל.

אסאך מאל איז די ארבעט פון צושטעלן נאכטמאל געווען אזוי שווער אז עס האט מיר איבערגענומען, און עס האט מיר געמאכט ווערן מורא'דיג איבערגעשטרענגט, אבער איך האב געוואוסט אז איך וויל זיין די בעסטע מאמע, און צושטעלן די בעסטע נאכטמאל. האב איך נישט געקוקט אויף מיין אויסגעמוטשעטקייט, האב איך נישט געקוקט אויף די ענגע צייט וואס איז פארבליבן, האב איך נישט געקוקט אויף מיין ווייענדיגע ביינער, וואס קוים זיי האבן געהאט די כח זיך צו שטעלן קאכן פארטאג'ס, אדער שפעט אויפדערנאכט, אבער מיט א שטארקייט בין איך אנגעגאנגען טאג נאך טאג, יאר נאך יאר, אהערצושטעלן א פיינע נאכטמאל צו זעטיגן די הונגעריגע מיילער פון די קינדער פון די שטוב.

אזוי זענען אריבערגעגאנגען די זיבן וואסערן אויף מיר, אין די אלע זיבן יאר. נאך זיבן יאר האב איך זיך איינגעהאנדלט א בעטטי' קראקער. בשעת עס וואשן נאכן עס האבן גע'טובל'ט, האט מיר אריינגעקלינגען א ווארט וואס מיין חבר'טע חוי האט מיר געזאגט זיבן יאר פריער, ווען מיר זענען געזעצן צוזאמען אונטער די שאטן פונעם בוים אין די קאנטרי, און פארברענגט אן איינגענעמע זומער צוזאמען.

אין די סירקל 'פירט מען זיך' אז יעדער האט ליב מיטצוטיילן אלע זייער סוקסעס, אלע זייערע עצות, אלע זייערע דעות וואס זיי ווילן מיטטיילן מיט נאך פרויען.

איז געווען דארט מיין חבר'טע חוי, און זי האט זיך אנגערופן, אז זייט זי האט אנגעהויבן מאכן נאכטמאל פאר אירע קינדער אין די בעטטי' קראקער, איז עס א נייע וועלט, ביז אפאר מינוט האט זי א נארהאפטיגע געשמאקע שיינע נאכטמאל, גרייט פאר איר משפחה.

איך געדענק ווי היינט ווי זי האט געזאגט די ווערטער : "אסאך מאל פיל איך ווי איך 'טשיט', ווי איך פאפ מיין חתונה געהאטע קינדער וואס קומען עסן נאכטמאל, ווייל איך האב בלויז מיט אפאר מינוט פריער געגעבן א

ווארף ארויף אויף די בעטטי קראקער אביסל געשניטענע פאטעטעס, אפאר שטיקלעך איבערגעצויגענע פלייש, און א בעג וועטשטעבלס פון די פריזער, און אזוי ווען זיי קומען אן, ביז געציילטע מינוטן איז דא א פיינע שמעקעדיגע נאכטמאל, גרייט אויפן טיש, קיינער ווייסט נישט אז עס האט מיר גענומען בלויז אפאר מינוט עס צוצושטעלן."

זי האט עס איבערגעזאגט נאכאמאל "איך פיל ממש ווי איך טשיט ווען איך מאך אזא סאפער, אבער וואס קען איך טון, עס קומט אויס אזוי פיין, אזוי גוט, א שאד די שווערע הארעוואניע פון שטיין אין קאך שעה'ן אויף שעה'ן, שיילן די גרינצייג, זיי צושניידן אויף קליינע שטיקעלעך, נעמען א גרינע סקוואש, נעמען א רויטע פעפער, נעמען א אראנדשע מייער, און יעדן איינעם צושניידן אויף אן אנדער וועג, און אזוי זיי אויפקאכן, נאכדעם עס איבערוווארעמען מיט א צווייטע 'סאוס', און פאלגן די רעסעפי, צו מאכן די בעסטע מין קארטאפל מיט די פערפעקט ספייס. האב איך געטראכט, איך נעם א רעדי בעג פון די פריזער וועטשטעבלס, איך ווארף עס ארויף אויף די בעטטי קראקער, איך נעם א בעג פון די פריזער געשניטענע קארטאפל, איך ווארף עס ארויף אויפן בעטטי קראקער, איך נעם די פלייש איך שאקל עס אין א זעקל מיט אביסל מעל און אייער צוזאמען, און אזוי ווארף איך עס ארויף אויף די זעלבע בעטטי קראקער, און אויף דעם גיס איך ארויף איין סארט 'סאוס' וואס גייט פאר אלע דריי צוזאמען, און... בינגא! איך האב א פארטיגע טעלער."

איך האב עס נישט געקענט פארשטיין דעמאלט. איך האב געהערט וואס זי זאגט, אבער איך האב געוואוסט אז נאכטמאל איז נישט אזוי פשוט, עס איז אן עבודה, עס נעמט צייט. עס נעמט צייט צו ליינען די אנווייזונגען, עס נעמט צייט צו אויסמישן די סאוס. עס נעמט צייט צו שניידן, צו שיילן. און עס פילט זיך נישט ריכטיג צו פשוט געבן א ווארף ארויף די ביסל אינגרידיענטס, און האבן נאכטמאל גרייט זאפארט.

זיבן יאר האט מיר גענומען צו אויספרובירן די פשוט'ע עצה, וואס קען מיר פארגרינגערן מיין לעבן, זיבן יאר האב איך זיך אומזינסט געמוטשעט, פרובירנדיג די וועג און יענע וועג, אן זיך אן עצה צו געבן, ווען דא ליגט די סוד. איך קען פשוט נעמען איין מאשין - דעם בעטטי קראקער, אזוי ווי איך טו שוין היינט. די רויטע בעטטי קראקער ליגט אויף מיין קאונטער גרייט איך זאל עס עפענען, אריינווארפן די עסן, מיר צו ארויסהעלפן אין מיין לעבן, טאג נאך טאג נאך טאג.

***

עס איז דא עצות זיך גרינג צו מאכן די לעבן, עס איז דא עצות אנצוקומען צו אונזער ציל, צום תכלית וואס מיר דארפן דערגרייכן ביים לעבן. אדער קען מען גיין די לאנגע שווערע וועג, זיך מוטשענען, פרובירן די וועג, יענע וועג, די דרשה, יענע קורס, אפשר זאל איך טון ווי די פרוי, אפשר זאל איך נאכמאכן יענע שיינע פעולה וואס זעהט אויס חשוב פון דרויסן - אבער איז קעגן די אמת'ע רצון ה'? אדער קען מען פאלגן צדיקים.

מ'קען נעמען די עצה פון דער הייליגער רבי, וואס לערנט אונז אויס א וועג וואס ברענגט אונז צום תכלית, וואס ברענגט אונז צו אונזער ציל, אסאך אסאך גרינגער און שנעלער. מען עפנט אויף די מויל, און מען בעט דעם אייבערשטן א יעדע זאך וואס מען דארף, מען שמועסט זיך אמת'דיג דורך יעדע זאך וואס ליגט אויפ'ן הארץ, און אזוי באקומט מען, דערגרייכט מען, קומט מען אן צו יעדע פרט אין לעבן שנעלער און גרינגער. מען דארף נאר אויסהערן די גוטע עצה וואס צדיקים זאגן, עס ארייננעמען אין זיך, און עס אנהייבן טון.

> עס נעמט צייט צו אויסמישן די סאוס. עס נעמט צייט צו שניידן, צו שיילן. עס פילט זיך נישט ריכטיג צו פשוט געבן א ווארף ארויף די ביסל אינגרידיענטס, און האבן נאכטמאל גרייט זאפארט

נאר אזוי קענען מיר אידעלעך זיך דערהאלטן אין גלות, אזויפיל לאנגע שווערע טונקעלע יארן. דורכן נאכטון די חשמונאים. כאטש זיי זענען געווען קליין אין צאל, אבער זייער שטארקע אמונה, די אמונה וואס זיי האבן געהאט אין די צדיקים פון זייער דור, האט זיי געברענגט צו א נצחון.

דער הייליגער רבי האט שוין געזאגט, אז פאר משיח וועט קומען, וועט זיין א מבול מיט שטארקע ווינטן פון אפיקורסות, אבער - האט דער הייליגער רבי געזאגט - עס וועט זיין נאר אפאר אידן וואס וועלן זיך יא קענען דערהאלטן און שטארקן, און בלייבן פעלזן פעסט מיט זייער לויטערע קלארע אמונה.

לאמיר זיך אנכאפן שטארק אין די קלארע אמונה, וואס דער רבי ברענגט אין אונז אריין, דער ראש ישיבה שליט"א פרעגלט עס אריין אין אונז טאג און נאכט, ביי די שיעורים, אין די בריוון, און אין א יעדע מין וועג, א לויטערקייט צו וויסן און שפירן אז עס איז דא נאר איין באשעפער אויף די גאנצע וועלט, וואס פירט עס פונקטליך ווי ער וויל, און ווארט צו הערן איין ווארט פון מיר.

קוק אריין אין די לעכטעלעך פון די מנורה, און בעט דעם אייבערשטן א קורצע תפילה: "באשעפער, איך וויל אויך זיין א חשמונאי, באשעפער איך וויל אויך זיין פון דיין ארמיי, הייליגער באשעפער העלף איך זאל לעבן מיט די עצות משיח וואס דאס איז תפילה - ווילאנג עס איז נאך א בחירה - בלייבן שטארק מיט אמונה, און פאלגן צדיקים, זיך מקשר זיין צו דיר, דורך זיי, א יעדן טאג". ווייל נאר דורך צדיקים קענען מיר אנהאלטן אונזער אידישקייט.

צאו ואתכנשו להילולא דרבי נתן

# די גאלדענע קייט

סעודת הילולא של

## מורינו רבי נתן זי"ע

מגבית מוסדות

## רבי מאיר בעל הנס

# באולם עטרת חיה שרה מאנסי

ליל שישי עשרה בטבת // פרטים יבואו

*sruliHeskel

# פאר די ברסלב'ע שטוב

מ. פאפנהיים

## א ריכטיגע חנוכה
# מסיבה



"איר האט אפשר קרעם נאטעלע?" - א מילכיגע ניס קרעם - "ניין, ס'האט זיך פונקט געענדיגט!" - ענטפערט מיר די פארקויפערין מיט באדויער. ס'ווערט מיר גוט, הייליגער באשעפער! העלף מיר איך זאל קענען קויפן די קרעם שנעל און גרינג! איך לויף שנעל צו, צו א אנדערע געשעפט, אבער דארט איז עס אויך אויסגעגאנגען. ביים דריטן געשעפט זאגט מען מיר אז צוליב די מלחמה איז עס יעצט נישטא צו באקומען, אויך מיר א תירוץ, אלעס איז די מלחמה שולדיג. ענדליך אין א פאררוקטע קליינע געשעפטל טרעף איך די לעצטע פושקע! שכח אייבערשטער! ממש א נס חנוכה! איך קום אן אהיים מיטן אוצר אין האנט, א מינוט נאך וואס מיינע חברה ווארטן מיר שוין ביים טיר.

"מאמי! וואו ביסטו געגאנגען?"

"מאמי! קוק ווי שיין מיר האבן געקאלערט אין חדר!"

"מאמי! איך בין הונגעריג!"

איך זעץ זיך אראפ אויפן סאפע אָן מאכט, ס'וויל זיך מיר שרייען "מאמי! איך בין אויסגעמוטשעט!" מיט אייזערנע כוחות לאז איך אראפ מיין טאן, "קינדערלעך! מאמי איז אויסגעמוטשעט באלד וועל איך זען דיין שיינע בילד, יעצט וועט נתי ברענגען קיכעלעך פאר יעדן און ענק וועלן זיך גיין שיין שפילן".

נתי לויפט אריין אין קאך "מאמי! איך קען בעסער האבן טשיפס?"

טשיפס? איך האב געהייסן קיכעלעך! אבער איך האב נישט קיין כח יעצט, איך וועל אים מחנך זיין אן אנדערע מאל..... און איך הער זיך ענטפערן, "יא קענסט ברענגן טשיפס!" אלע קומען צו לויפן זיי ווערן פארנומען מיט די טשיפס. זייער גוט, איך האב נאך א בארג ארבעט, איך לויף צום וואש מאשין, באלד נאך ליכט צינדן גייט זיין א היסטארישע חנוכה פארטי, די גאנצע פארצווייגטע משפחה גייט זיך טרעפן אונטער איין דאך, און מיינע קינדער מוזן זיין אנגעטון אייניג, אז נישט... ווייס איך נישט וואס מען וועט טראכטן אויף מיר... שוין... געלויבט דעם באשעפער די וועש טריקנט זיך שוין, יעצט וויל איך פארענדיגן די איבריגע זאכן....

"א גוטן חנוכה!!!" טאטי קומט אהיים פריילעך און מונטער, זייער גוט, אזוי וועט מען צינדן פרי און מען וועט קענען גלייך ארויספארן. אזוי פאסיג חנוכה זיך צו טרעפן מיט די גאנצע משפחה, פארברענגען צוזאמען און פארשטארקן דעם קשר.

גלייך נאך ליכט צינדן זענען מיר ארויסגעפארן, איך וויל נישט פארפעלן קיין איין מינוט... מיר קומען אן צו א גרויסע זאל, האלב באלויכטן מיט פילע ליכט... זיכער! חנוכה איז דאך דער יום טוב פון די ליכט... עס געדויערט מיר א פאר מינוט צו כאפן וואס טוט זיך מיט מיר, ס'איז טאקע אין די זאל? איך זע אזויפיל אומבאקאנטע נייע פנים'ער, אה! דארט איז באבי! אזויפיל נייע אייניקלעך זענען שוין צוגעקומען? וואוו! דארטן זיצן אונזערע עלטערע מומעס, איך האב זיי שוין נישט געזען אפאר יאר!

אוי ווי! וואס טוט דארט יענע פרוי? זיך האט זיך לעצטנס אריינגעצויגן אין אונזער געגנט, יעדן אינדערפרי ווען מיינע קינדער לויפן אראפ א מינוט נאך די לעצטע מינוט פאריאגטערהייט, זע איך איר ארויס באגלייטן אירע אינגלעך מיט א רואיגע שמייכל און אויסגערוטע אויגן... וואס? זי איז א אייניקל פון עלטער מומע מרים? אה אה, זי האט חתונה געהאט מיט א זון פון ברכה, מרים'ס טאכטער, ווי איז מיר, איך גיי איר יעצט דארפן גריסן יעדן צופרי...

קליינע מיידעלעך טאנצן ארום צווישן די טישן אנגעטון אין די זעלבע קאלירן פון די טישטוכער, עסצייג, און עסנ'ס אויפן טיש... וואו קען איך זיך אוועקזעצן דא אין דעם ריזיגן זאל? לאמיר אויפזוכן מיינע קאזינ'ס פון מיין עלטער, מיר פלעגן פארברענגען צוזאמען שעות ווען מיר זענען געקומען העלפן באבי, וואו איז מירי? אָה דא איז איר מאמע, מומע שרה, "א גוטן חנוכה!" גריסט זי מיר, איך גריס איר צוריק פריינטליך, "וואו איז מירי?" פרעג איך איר, "אה, מירי איז אין קימפעטארן היים ברוך השם, איר בעיבי איז זיס, ענדליך גייט שוין אראפ די געלקייט, און מען גייט שוין טראכטן פון א ברית, ער ווערט שוין מארגן דריי וואכן!"

"אזוי?" שאקל איך מיטן קאפ, זאל זי נאר נישט כאפן אז כ'האב בכלל נישט געוואוסט אז מירי האט געבוירן א בעיבי... "זייער נישט גרינג אז א ברית פארשלעפט זיך... זאל דער אייבערשטער העלפן ס'זאל זיין אין די ריכטיגע צייט און זאלסט זען אסאך נחת געזונטערהייט!"

הייסט עס אז מירי קומט נישט היינט... מיין נייגער צינדט זיך אן, די וויפלטע קינד איז עס ביי איר, די זעקסטע? זיבעטע? די ערשטע צוויי דריי קינדער האב איך אלעס מיטגעהאלטן, און זי אויך ביי מיר, מיר זענען זיך געגאנגען באזוכן, און געקויפט מתנות... לעצטנס וואוינט זי אויסערן שטאט און מען איז ברוך השם פארנומען. לאמיר אויפזוכן גיטי, אוי, זי זיצט שוין דארט נעבן אירע שוועסטער'ס... איך גיי נישט אריינשטעקן מיין נאז דארט... און רבקי... רבקי וואוינט היינט אין לאנדאן...

ענדליך זע איך מיין מאמע אריינקומען אין זאל מיט מיינע שוועסטער, שוועגערינ'ס און נאך קאזינ'ס... זייער באס האט געשפעטיגט... מיר טרעפן א גוטע פלאץ און דער אינהאלטספילער אוונט פאנגט זיך אן, עס שפילט אין אינטערגרונט דער ניגון וואס דער עלטער-עלטער זיידע פלעגט זינגען ביים שבת טיש...

די מיידלעך אנגעטון מעטשינג שפילן אויס א הערליכע טאנץ ליד, וואס זיי ארבעטן שוין אויף דעם עטליכע וואכן, אויף אונזער זכי' צו געהערן צו אזא מיוחס'דיגע פאמיליע.

איינע פון די אייניקלעך האט אהער געשטעלט א סלייד פון הערליכע בילדער פון די פארגאנגענהייט פון די משפחה...

א עלטער מומע לייענט פאר א שטיקל צוואה פונעם עלטער-עלטער זיידן. און דער אוונט שליסט זיך מיט א פראגראם וועלכע גייט ארויפגיין אויף א ספעציעלן האט-ליין צו צאמהאלטן די משפחה און פארשטארקן דעם קשר.

אויפצומארגנ'ס זענען מיינע קינדער מיט ניסי ניסים ארויסגעגאנגען אין חדר, איך דריי זיך ארום מיד מי-י-ד-ד-ד-ד, אבער איך האב נישט קיין צייט צו שלאפן. אייך געדענקען נאך די קרעם נאטעלע? יעצט איז געקומען די צייט פאר דעם. מארגן ביינאכט פראוועט מען ביי מיין שוויגער די לאטקעס נאכט... דארט דארף אלעס זיין היימיש, אליין געמאכט. האב איך געכאפט א גרינגע זאך, קעז באליס, מיט א ספעציעלע קרעם וואס מאכט עס עקסטער געשמאק, לויט מיין חשבון דארף עס נישט זיין צו שווער, אבער עס קומט ארויס ספעציעל! לאמיר עס שנעל אנגרייטן, אריינלייגן אין פריזער, אפשר וועט מיר נאך געלונגען צו כאפן א דרימל פאר די קינדער קומען אהיים.

איך מיש אויס די רעצעפט, מען דארף עס דאפלען און טריפלען ס'זאל זיין גענוג פאר יעדן, מיט מיין מידן מח, חשבון איך איינמאל און נאכאמאל, די קעז, פוטער, קיכעלעך און קרעם... צום סוף ווערט שוין עפעס. איך מיש און מיש און עס זעט טאקע אויס אז עס ווערט דעלישעס... יעצט דארף מען מאכן באליס און

לייגן אין פריזער, איך זעץ זיך אוועק און איך הייב אן צו דרייען און דרייען... און דרייען, איך מוז אנגרייטן הונדערט פופציג באליס! רבונו של עולם, וואס האב איך געטראכט? איך גיי עס אמאל ענדיגן?



די שיסל האלט קוים ביי האלב, און די קינדער זענען דא! "מאמי! דו מאכסט די גוטע באליס? איך וויל העלפן!... אויש... ווען כ'האב עס געמאכט אויף שבועות האב איך עס לכתחילה געגעבן פאר זיי צו דרייען, אבער יעצט פאר א חנוכה מסיבה, גייט עס נישט זיין שיין... ווייסט וואס איך וועל זיי לאזן אביסל, נאכדעם וועל איך עס איבער מאכן... עס ווערט זיי טאקע גאנץ שנעל נמאס, זיי לויפן צו זייערע שפילצייג, און איך מאך עס שנעל איבער, איך פאק אלעס אריין אין פריזער, מיינט נישט אז איך בין שוין פארטיג, מען דארף עס לאזן איבערנאכט און אויפמארגן איינטונקען אין צולאזטע שאקאלאד, און ארויפשפריצן אביסל פון יענע זעלטענע קרעם נאטעלע...

איך שטיי נאך ביים פריזער און פרובירן צו מאכן פלאץ ווען איך הער א פרייליכן, „א גוטן חנוכה!“ פון טיר...

“וואס???? ביסט שוין אהיים געקומען צינדן ליכט????” שריי איך אריין אין פריזער, און אין די זעלבע סעקונדע הער איך ווי ער פרעגט אין שאק ” וואס - גייט - דא - פאר????“

איך דריי זיך האסטיג אויס...

די גאנצע הויז איז א-י-ב-ע-ר-ג-ע-ד-ר-י-י-ט...

כ'האב גארנישט געזען וואס טוט זיך דא היינט... איך בלייב פארפרוירן נעבן פריזער, נאך א מזל מיין מאן האט א ראש ישיבה וואס לערנט אים אויס וואס צו טון אין אזעלכע מינוטן... ער שפאנט איין די קינדער און נאך אזא גוטע צען פופצן מינוט זעט מען שוין א שטיקל טיש... און פלאר...

נאך די גרויסע הכנות גייט מען שוין ענדליך צינדן, די לופט ווערט צוביסלעך פרייליך... די קינדערלעך שפרינגען ארום, נאכן צינדן גייען די קינדערלעך אריין אין קאך, וואס איז דא אויף נאכטמאל? נ-א-כ-ט-מ-א-ל??? הייליגער באשעפער! פון וועלכע בוים קען איך יעצט אראפ רייסן נאכטמאל? איך גיי צו צום פרידזשידער

„אה, איך גיי מאכן פיינע אייער שפייז און מען וועט עסן גוטע יאגורטס!“ פרוביר איך זיך צו הערן פרייליך, חנוכה איז דאך א מנהג צו עסן מילכיג'ס, נישט אזוי?

דער עולם איז גוט הונגעריג און איבערגעשטערטעגט פון נעכטן, זיי עסן אפ און פאלן אריין אין די בעטן.

דער מארגנדיגער טאג האט אויסגעזען נישט צופיל אנדערש, נאך אפאר חילוקים, אנשטאט צו דרייען באלי'ס בין איך געשטאנען און צוגעגאסן שאקאלאד, איינגעטונקען און געשפריצט קרעם, היינט האט שוין אויך מיין מאן זיך נישט דערשראקן ביים טרעפן די הויז איבערגעדרייט... און גלייך נאכן צינדן איז מען ארויסגעגאנגען מיט די טייערע קעז באלי'ס צו אונזער באבע'ס הויז.

ס'איז מורא'דיג זיך צו טרעפן חנוכה מיט די גאנצע משפחה! מיין קלענערע שוועגערינ'ס בעיבי האט אנגעהויבן גיין, מיין אנדערע שוועגערין האט זיך אביסל אויפגערעגט און אנגעטון פאר אירע קינדער אזא טייערע מעטשינג סעט, פון וואו פונקט האט זי געלט פאר דעם?

און מיין לעבעדיגע ניס זיסט דארט אזוי פארשלאפן... וואס גייט פאר מיט איר? מען האט איר געלייגט אויף מעדעצין? יעדער פאקט אויס אירע מטעמים, מען גרייט אן א הערליכן טיש, און יא, די קעז באלי'ס איז געלונגען איבער אלע ערווארטונגען... די קאמפלימענטן פליסן... און מען קען שוין אהיימגיין... ווער ווייסט ווען מען וועט זיך נאכאמאל טרעפן....

ביים אהיימקומען פון חדר דעם קומענדיגן טאג, פרעגט מיין נתי, „מאמי! אפשר היינט קען מען מאכן לאטקעס?“

איך בין שוין שיכור פון אזויפיל פארטי'ס איך האב נישט קיין כח צו טראכטן בכלל פון לאטקעס, זאג איך אים, „צדיק, היינט קען מען נישט, אפשר מארגן!“

ער קוקט מיר אן מיט גרויסע אויגן, „אבער... מארגן איז שוין נישט חנוכה!“

וואס??? היינט -איז- שוין - זאת - חנוכה??? ס'קען נישט זיין!!! איך לויף צום לוח, איך גיי צו, צו די מנורה ביים פענסטער, און די מציאות קלאפט מיר אין פנים, יא, היינט צינד מען שוין אן די גאנצע מנורה...

וואו בין איך געווען א גאנץ חנוכה?

איך האב נישט צאמגענומען די הויז,

ווייל חנוכה איז א צייט צו זיך צו טרעפן מיט משפחה!

איך האב נישט געקאכט נאכטמאל,

ווייל חנוכה איז א צייט צו שטארקן דעם קשר מיט די משפחה!

איך האב נישט געהאט קיין געדולד צו די קינדער,

ווייל חנוכה איז א צייט צו פארברענגען מיט די משפחה!

איך האב נישט געהאט קיין צייט צו קוקן אויף מיין מאן,

**ווייל. חנוכה. איז. א. צייט. פאר. משפחה...**




# ביי אים איז ליידער
# חושך אפילה

שיינט אריין ביי זיי אביסל ליכטיגקייט

העלף דיין שכן, דיין קרוב, דיין ידיד.

רופט אריין מיט אייער נדבה אין זייט מחזק די עסקנים

**347.452.1936**

ZEBRA


קינדער בלעטל
חנוכה
איבער דער וועלט!
ענדליך... ענדליך...
חנוכה פארמעסט
ווי קיינמאל בעפאר!



# יאקאב!

*פארזעצונג פון פריער:* ***יעקב (יאקאב) איז אנטלאפן קיין רוסלאנד דורך וועלדער. ער איז אנגעקומען צו א פארווארפענע פארם אין אוזבעקיסטאן. יאקאב האט ווי אלע אין קאלכאז אויך באקומען קיופאנס. אבער זייענדיג א אידיש קינד האט נישט גענוצט די "פלייש קיופאנס". ער האט דאס אוועקגעלייגט, קלערנדיג אז אפשר וועט קומען א טאג ווען ער וועט דאס דארפן נוצן. איין טאג האט דער הויפט געראפן יאקאב צו זיך אין אפיס.***

ווי נאר יאקאב איז אריינגעקומען האט זיך דער הויפט אויפגעשטעלט פאר אים און גערייכט א האנט. יאקאב האט אנגעהויבן שפירן אומבאקוועם. וואס איז די גרויס כבוד וואס מען טיילט אים צו?

דער הויפט האט נישט געווארט לאנג נאר איז גלייך צוגעגאנגען צום ענין

״יאקאב, ווי דו ווייסט און יעדער ווייסט ביזסטו דער בעסטער ארבעטער דא אין קאלכאז. דו ביסט געלונגען, געשיקט, רעספעקטפול, און נאך שיין אויך. דו האסט אלע מעלות

אלע גוים האבן געקוקט צו יאקאב מיט כבוד און שעצונג. יאקאב האט זיך ארומגעקוקט פארלוירן און באקוועם. וואס באדייט די שמועס

״און ווי דו ווייסט, האב איך א טאכטער וואס זוכט א שידוך. אויך זי האט די אלע מעלות. ממילא קלער איך אז עס איז גאר א פאסיגע שידוך, יאקאב, דער געלונגענער בחור מיט מיין טאכטער דער געלונגענער מיידל!!״

״יאקאב, דו שידוך וועט דיר לוינען, איך וועל דיר געבן אן א שיעור געלט און גאלד, בהמות און דיימאנטן. און ווען די צייט וועט קומען וועסטו ווערן די הויפט פון קאלכאז!״

דער הויפט האט צוגעענדיגט זיין דרשה און געקוקט צו יאקאב מיט א גרויסע שמייכל

אין טיי הויז איז געווען שטיל.

אלע האבן געקוקט צו יאקאב מיט שעצונג און קנאה. אזא גליק! ווערן אן איידעם ביים הויפט... יעדער האט געווארט מיט שפאנונג צו הערן ווי יאקאב זאגט ״יא...״

אבער יאקאב איז געזעצן שטיל און נישט ארויסגערעדט קיין ווארט. ער איז געווען אריינגעטון אין זיינע מחשבות. זיין האנט האט געציטערט. ער איז א איד! א איד טאר נישט חתונה האבן מיט א גוי! ער קען דאס נישט טון..

אבער פון די צווייטע זייט איז דאך א סכנה אפצוזאגן די הויפט. די סוף דערפון קען זיין טויט שטראף. וואס טוט מען דא. אויך איז דער יצר הרע געקומען צו יאקאב און איים אנגעהויבן זאגן ״ווער ווייסט אויב עס איז נאך בכלל איבערגעבליבן אידן אויף די וועלט? אפשר איז שוין נישטא אפילו איין איד? און אפשר יעצט מעג מען יא? און אזוי ווייטער און ווייטער

דערווייל שטייען די גוים און וואונדערן זיך, ״וואס געדויערט אזוי לאנג פאר יאקאב צו ענטפערן?״

ש. טראכטער

# 7

וואס פארזוימט ער זיך?"

אויף דער הויפט האט אנגעהויבן קוקן מיט וואונדער. איינער האט זיך צוגעבויגן צום הויפט און אים בארואיגט, אז געוויס איז יאקאב אזוי שאקירט און דערפאר ענטפערט ער נישט

אבער יאקאב האט זיך איבערגעהויבן און האט אויסגערופן מיט א אידישע שטאלץ, "הער הויפט. איך דאנק דיר זייער פאר דיין פארשלאג. אבער איך בין א איד און לויט די געבאטן פון אונזער תורה קען איך נישט חתונה האבן מיט א מיידל וואס איז נישט פון אידישן פאלק."

שאק. שטיל. אלע ווענדן זייערע אויגן צום הויפט, וועלכע איז אויך געזעצן שטיל.

יאקאב האט אויסגענוצט די שטילקייט און האט זיך ארויסגעשלייכט פון טיי הויז

יארן שפעטער האבן מענטשן געפרעגט יאקאב, "וויאזו האסטו געהאט די שטארקייט זייענדיג אזוי אליינס אין א פרעמד לאנד, פארוואגלט, צו קענען ביישטיין אזא נסיון?"

יאקאב האט דאן דערציילט אז

**ער האט גארנישט געוואוסט וואס מען פלאנט אונטער זיין רוקן, אבער זיין שכל האט אים געזאגט אז ער דארף טראכטן א פלאן צו אנטלויפן ווייל דאס וועט נישט אדורכגיין אזוי שטיל און רואיג.**

אין די מינוט פון נסיון האט ער זיך דערמאנט א מעשה פון ווען ער איז נאך געווען א יונג קינד. ער האט דערציילט אז זיין מאמע האט געליטן אויף א מחלה אין די מאגן. זי האט נישט געקענט עסן געוויסע סארט עסן. איין זאך וואס איר מאגן האט נישט געקענט פארטראגן איז געווען די "מעל קוגל" פון שבת

יעדע וואך זונטאג אינדערפרי פלעגט יאקאב הערן ווי די מאמע פרעגט דעם טאטן. "העניך, עס ווערט זיין געלט צו קויפן מעל פאר'ן קוגל אויף שבת?"

אזוי איז געווען יעדע וואך זונטאג און אויסנאם. יעקב זייענדיג א יונג קינד אין שטוב, פלעגט זיך וואונדערן, "די מאמע עסט אפילו נישט די קוגל און דאך זארגט זי שוין פון זונטאג אויב מען וועט קענען קאכן מאכלי שבת

אט די מעשה'לע האט אריינגעגעבן אין אים אזא אידישע שטאלץ, אז אפילו א קוגל פון א איד איז אזוי וויכטיג. די מעשה'לע האט אים געגעבן כח אין יענע מינוטן צו וויסן אז "אויב מיין מאמע האט זיך מוסר נפש געווען פאר א קוגל, וועל איך זיך אוודאי מוסר נפש זיין אויף יסודות אין אידישקייט

ווי נאר יאקאב איז ארויס האט אויסגעבראכן א בהלה. אלע האבן אנגעהויבן רעדן אויפאמאל. יעדער האט געהאט א מיינונג צו זאגן. אבער דער הויפט האט זיי אלע שטיל געמאכט און זיי געזאגט, "מיין טאכטער וועט מארגן חתונה האבן מיט יאקאב, צו ער וויל אדער נישט."

און דאן האט ער זיי שטילערהייט געזאגט זיין פלאן. מארגן וועט מען צוגרייטן א גרויסע חתונה און דערנאך וועט מען מכבד זיין יאקאב מיט א שארפע ווין אזוי וועט ער זיין גוט שיכור און נישט וויסן וואס טוט זיך מיט אים. און ווען ער וועט זיין גוט אנגעטרינקען וועט מען אים אריינשלעפן צום זאל און פראווען א שיינע חתונה

די פלאן איז געפאלן פאר די גוים און אלע האבן זיך אנגעהויבן רישן אויף א גרויסע פריליכע חתונה וואס וועט מארגן זיין. יעדער האט געוואוסט דערפון, חוץ דער חתן!!

יאקאב איז אריין צו זיין בודקע פארטראכט און דערשראקן. ער האט גארנישט געוואוסט וואס מען פלאנט אונטער זיין רוקן, אבער זיין שכל האט אים געזאגט אז ער דארף טראכטן א פלאן צו אנטלויפן, ווייל די מעשה וועט נישט אדורכגיין אזוי שטיל און רואיג

דערווייל איז זיין יצר הרע אויך נישט געזעצן שטיל און אים נאך פראבירט איינצורעדן אז אפשר יא, עס לוינט זיך, און אזוי ווייטער.

*פארזעצונג קומט אי"ה*

# דעם רבינ׳ס חדר

## א שיחה אין א בילד

**וועלכע שטיקל ספר המידות דערמאנט דיך די בילד?**



**ענטפער פון פאריגע וואך:**

דער הייליגער רבי זאגט: ״די טעג פון חנוכה זענען טעג פון דאנקען דעם אייבערשטן״.

## ברסלב׳ע חידות

**דער הייליגער רבי זאגט** (שיחות הר״ן) **די גאנצע לעבן איז אזוי ווי א**

א. מנורה
ב. לאטקע
ג. דאונאט
ד. דריידל

**ענטפער פון פאריגע וואך:**

מוהרא״ש האט געזאגט: ״ווען איך וועל ארויפקומען אויבן אין הימל וועל איך איבערדרייען בית דין של מעלה אז מען זאל נישט דן זיין קיין בחורים און מיידלעך!״

## געב א שמייכל

**וואס האט די שמיציגע מייער אין פרידזש זיך אנגערופן צו די ריינע מייער?**

געברענגט צו אייך ווערכנטליך דורך: הרב אלחנן חיים רוטה שליט״א - גבאי צדקה פאר משפחות אין נויט

## א שטיקעלע ספר המדות

**אֱמוּנָה** - חלק ראשון

**לב. עַל יְדֵי אֱמוּנָה יָכוֹל לָבוֹא לְבִטָּחוֹן.**

אַז מֶען הָאט אֱמוּנָה, קֶען מֶען נָאכְדֶעם הָאבְּן בִּטָּחוֹן, זִיךְ צוּ פַארְלָאזְן נָאר אוֹיפְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן.



# שרייב טישל

## לאמיר זיך באקענען

**הייב אן אריינצופילן יעדע ליין פון אויבן ביז אונטן** (צווישן צוויי ליינס לאזט מען ליידיג)**, און שיק אריין צום בלעטל וועם דו האסט געטראפן דא!**



**ווען דו ענדיגסט קענסטו אריינשיקן א בילד פון דיר** (מאך זיכער ס'איז א קלארע בילד פון דיין פנים)**, און אפשר וועסטו זיך אליין טרעפן אינעם שפיל קומענדיגע וואך!** (דעטאלן וואו צו שיקן דאס בילד קען מען זען אויף זייט 2)

בילד פון פארגאנגענע וואך: **אליעזר שלמה שניטצלער נ"ו - כתה ב' - קרית ברסלב**

# קינדער דערציילן

## מעשיות פון תפלה

שיקט אריין אייער מעשה פון תפלה צו:
845.379.1161

איך האב געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל באקומען נייע בוטס.

שכח אייבערשטער מיין מאמע האט מיר געקויפט נייע בוטס.

*בערל יאקאבאוויטש, קרית ברסלב*

איך האב געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל געווינען די גורל פונעם בלעטל.

שכח אייבערשטער איך האב געוואונען.

*ריקי פעלדער, קרית יואל*

איך האב געבעטן דעם אייבערשטן מיין קאפ זאל מער נישט וויי טון, שכח אייבערשטער ס'טוט נאמיר וויי.

*יצחק מזרחי, קרית ברסלב*

איך האב געבעטן דעם אייבערשטן פאר א גוטע רבי אין כיתה ד'. שכח אייבערשטער איך האב באקומען גאר א גוטע רבי, רבי ראבינאוויטש.

*יצחק אהרן פליישמאן, קרית ברסלב*

די בעבי' האט נישט גוט געפילט, ז' נישט געקענט געהעריג שלאפן.

איך האב געבעטן דעם אייבערשטן ז' זאל שוין גוט פילן, שכח אייבערשטער ז' האט אנגעהויבן גוט פילן.

א טאג נאכדעם האט ז' וויטער געהאט פיבער, איך האב נאכאמאל געבעטן דעם אייבערשטן ז' זאל גוט פילן, שכח אייבערשטער ז' פילט שוין גוט.

*רייזל וועבערמאן, קרית ברסלב*

מיר האבן געמאכט אינדערהיים א פייער פלעים, ס'איז אריינגעקומען אסאך רויער אין די הויז.

איך האב געבעטן דעם אייבערשטן ס'זאל ארויסגיין פון די הויז, שכח אייבערשטער ס'איז ארויס זייער שנעל.

*חי' הייאליק, קרית ברסלב*

**שיקט אריין די ענטפערס פון די ברסלב'ע חידות, א שיחה אין א בילד, א מעשה פון תפלה, א מעשה פון תפלה געמאלן.**

**און גייט אריין נאכאמאל אינעם גורל פארן קומענדיגן חודש.**

צו הערן די גורל פון פאראנגאנגענעם חודש
רופט קול ברסלב 212-444-9191 #5 #6

# געמאלן

א מעשה פון תפלה



אָהּ! אִיךְ וֶועל מַאכְן אַ בֵּית הַמִּקְדָּשׁ.



אוֹי עֶס הָאט זִיךְ פַארְלוֹירְן אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְף אִיךְ זָאל עֶס טְרֶעפְן.



שְׁכּ֗חַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיךְ הָאבּ עֶס גֶעטְרָאפְן.

געמאלן דורך: רבקה וועבערמאן תחי' קרית ברסלב



אוֹי וֵויי, גְרֶעיפּ דְזְשׁוּס הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעגָאסְן אוֹיף מַיין קְלֵייד.



אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְף דִי פְלֶעק זָאל אַרוֹיסְקוּמֶען.



שְׁכּ֗חַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער דִי פְלֶעק אִיז אַרוֹיסְקוּמֶען.

געמאלן דורך: ריצ וועבערמאן תחי' קרית ברסלב

שיקט אריין אייער מאלעריי'ען:

845.379.1161 | BRESLEVOFFICELIBERTY@GMAIL.COM

# קליין און פיין



פייגי בוים



אליעזר שלמה יאקאבאוויטש



משפחת בירנבוים



לאה פייגי בלום



יחזקאל דעפריס



Faigy levy



משפחת וועבערמאן

שיקט אריין אייער אייגן געמאכטע קונצווערק צו:

845.379.1161

BRESLEVOFFICELIBERTY@GMAIL.COM



שמשון דעפריס



חיים וועבערמאן



יואליש אייזנער



יחזקאל דעפריס



לייקי סאמעט



נחמן און יוסי ראבינאוויטש



יוסי ראבינאוויטש און יואליש זוסמאן



אליעזר שלמה לעווי און מאטי גליקמאן

# דער אוצר אויפן באן 26

## דאס לעבן און שאפן פון מוהרא״ש זי״ע

פארזעצונג פון פריער: דִי עֶרְשְׁטְמָאלִיגֶע נְסִיעָה פון מוֹהֲרָא״ש זי״ע צום רֶבִּינְ'ס צִיּוּן אַלְס אִינְגֶערְמַאן, מְ'לָאזְט נִישְׁט אַרַיין צום צִיּוּן. עֶנְדְלִיךְ הָאט פַּאסִירְט אַ מַעֲשֶׂה פון תְּפִילָּה, מֶען הָאט אַרַיינְגֶעלָאזְט צום צִיּוּן.




גענומען מיט רשות פון עיר ברסלב

# בלאקס פארמעסט

1



אליעזר שלמה וועבערמאן

2



מאיר מזרחי

3



זאבי ברוין

4



יואלי סאמעט

5



יצחק מזרחי

6



כיתה א' קרית ברסלב

7



אליעזר שלמה לעווי

8




מענדי און נתי פורסט

9



משפחת אינדיג

10



משפחת וויינבערג

11



משפחת לאנדא

12



משפחת לב

13



קרית יואל

14



משפחת מזרחי

15



משפחת שטערן

16



קיילי ווייס

17



נפתלי און מאטי העסקעל

18



פייגי און חי' ראטה

19



משפחת שניטצלער

20



משפחת לעווי

21



שימי בלעדי

22



שלמה און חיים בויס

23



אברהם יצחק מיט מאיר פוקס

24



יוסי פריעדריך

25



יוסי פריעדריך

26



ביניש שארף

27



חוה לאה פערל

28



חי' קליטניק

29



נפתלי און מאטי העסקעל

30



משפחת מענדלאוויטש

31



משה שארף

32



משפחת מזרחי

33



משפחת סאמעט

34

אליעזר שלמה טייטלבוים

35

קינדער גארטן בית פיגא ירושלים

36

ר. פערל

37

רבקה וועבערמאן

38

עטי בלום

39


פייגי אינדיג

40

פרומי און מלכי מאשקאוויטש

41

אלעזר ישעי פריעדמאן

42


חני פורסט

43

חיים טייטלבוים

44


משפחת פורסט

45

שלום רייזמאן

46


מלכה פורסט

47

לאה ברוין

48

צפורה בירנבוים

49



בערל און גרשי יאקאבאוויטש

50



נחמן נתן ווייס

51



יואליש ראטה

52



שלמה און זאבי ברוין

53



נתנאל הייליפרין

54



בית פיגא שטעטל ערשטע קלאס

55



יצחק אהרן פליישמאן

56



יעקב יודא ראטה

57



אברהם ישעי' קויפמאן

58



מלכה פורסט

59



משפחת שטיינבערג און לאה ברוין

60



בית פיגא טבריה

61

שרי אינדיג

62

משפחת לעווי

63

אסתר רייזל קורדרווז

64

אליעזר שלמה מזרחי

65

אליעזר שלמה שטיינבערג

66

משפחת היימליך

67

יואליש ראטה

68

נחמן נתן בלום

69

יושע היימליך

70

משפחת פריעדריך

71

מירי רוטמאן

72

גיטי ראטה טיש לכבוד חנוכה

73



כיתה ג' שטעטל

74



אברהם בנימין סאקס

75



משפחת פעקעטע

76



יוטי שטיינבערג

77




ביילי רוטמאן

78



נחמן נתן ווייס

79




יואליש, עמרם, יחזקאל ראטה

80



משפחת שטיינבערג

81




הערש אלימלך קאהן

82




פענדל פאר לאטקעס שרה פערל

83



חי' היימליך

84



טאבי רייזמאן

שיקט אריין וועלכע נומער בילד איר גלייכט די מערסטע, און די בילד וואס וועט האבן די מערסטע שטימען וועט אויסדערוועלט ווערן אלץ דער געווינער פונעם

# „חנוכה בלעטל פארמעסט"

מען קען שטימען ביז זונטאג ויגש 8:00 ביינאכט די נאמבער צו טעקסטן און צו רופן איז +18453791161

85



פראדי שטערן

86



נחמן נתן ראבינאוויטש לאטקעס

87



נחמן נתן רוטה

88



פייגי שטראססער

89



יוסי און פייגי פריעדריך

88



וואלוי מינצבערג

89



נחמן נתן פעקעטע

90



גיטי ראטה

91



שלום עזריל און שמעון מאיראוויטש

92



פ. פערל

93



שלום פליישמאן, דריידל און לאטקעס

94



דבורי רייזמאן

# געשעענישן

אינערהאלב קהילת היכל הקודש ברסלב





**א בליק אין ישיבה**



**דער ראש ישיבה שליט"א באזוכט די ישיבה אין שטעטל**





**סיום מסכת כתובות פון הבחור נחמן עמרם שטראססער נ"ו אין שטעטל**





דער ראש ישיבה שליט"א באזוכט ביים אפיס
פון מו"ה מרדכי אהרן היילפרין חבר הנהלה

כלים מקוה אין שטעטל כמעט פארענדיגט
ג' וישב תשפ"ה







סיום מסכת בבא בתרא אין ביהמ"ד היכל הקודש מאנסי - ד' וישב תשפ"ה



דער ראש ישיבה שליט"א באזוכט דעם בית הדפוס
אין שטעטל - ד' וישב תשפ"ה



תפילין לייגן פון הבחור דוד נ"י בן מו"ה ישראל חיים
ברוין הי"ו ביים דיין שליט"א





סעודות הילולא פון הייליגן בת עין זי"ע אין שטעטל נתנדב דורך מו"ה בנציון קאהן הי"ו - ה' וישלה תשפ"ה









חתונה פון יונגסטן קינד ביי אדמו"ר מקארלסבורג שליט"א - א' וישלה תשפ"ה

קרעדיט: אייזיק ראטה, יוסי פרערויא, שמעון פיש, שמעון פארטוגאל, לייבי ראטה


מ'פארט שוין
אט צום רבי'ן
גארטל'ט אייך אונטער
מ'קען שוין אנהייבן מאכן פעימענטס פאר אומאן תשפ"ו
וואו פארט א איד?
נוסעים לרבינו
אומאן תשפ"ו
נסיעה
טרעוועל
845.444.TRVL
8785
אייער פריינט:
אלי קנאלל
שולי פינטער
TICKETS
TRIPS
TRAVEL ITINERARIES
VACATION PACKAGES
CAR RENTALS
HOTELS
*sruliHeskel